STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04502

# MAME IN YIDISHN LID

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Herman D.J. Spiegel*
*in memory of*
*his sister, May S. Miller*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# מ אַ מ ע
# אין יידישן ליד

---

אַ קליינע אַנטאָלאָגיע

צונויפגעשטעלט: י. ח. בילעצקי

# מאַמע
# אין יידישן ליד

## אַ קליינע אַנטאָלאָגיע

פאַרלאַג
י. ל. פּרץ
ישראל

תל־אביב, תש"ם — 1980

MAME IN YIDDISHN LID

(MOTHER IN THE JEWISH POETRY)

מאַמע אין יידישן ליד / אַ קליינע אַנטאָלאָגיע

Composed : J. Ch. Biletzky

Printed in Israel, 1980

©

נדפס בישראל, תש"ם

J. L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv, Israel

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 422481

די אַנטאָלאָגיע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון
רבקה־יהושע גאָלדבערג פאָנד פאַר ליטעראַטור
און שואָה פאַרשונג.

דעם ליכטיקן אָנדענק
פון מיין טאָכטער רבקה רחל, מיין פרוי איטה
אומגעקומענע אין מאַידאַנעק.

שיע גאָלדבערג

דעם טייערן זכר פון מיינע אומפאַרגעסלעכע
עלטערן אסתר־מרים, יוסף־ברוך אומגעקומענע
אין מאַידאַנעק, מיין ברודער שמואל —
אומגעקומען אין די לובלינער וועלדער.

רבקה גאָלדבערג־ליערמאַן

ערשטער פּלאַפּל, ערשטער צאַפּל פון אַ קינד, ווונדער אויף
ווונדער — מ אַ מ ע.

אַ לעבן אַן פּשרות, פּאַר אַ שמייכל פון אַ קינד.

אַ לעבן — טאָג טעגלעך אין ציטער אין וואָר און אין חלום:
ק י נ ד.

דער האַר און דער קעניג פון אונדזער גאַנג, די פליגל און די
קרוין פון אונדזער וויי און פרייד.

מ אַ מ ע, — אויסגעקנאָטן פון אַלע קולות אויף באַרג און טאָל.
קיין מאָל קיין שכר ניט געבעטן פאַר ניט דערשלאָפענע נעכט.

אַ לעבן געוועבט פון השגחה און אחריות. אַ רגילות אַזאַ:
האַלטן וואָך די אויגן אויפן קינד. מיט טיפן ערנסט. מיט גאָט
אין האַרצן, מיט טרער, מיט שמייכל און שטענדיק מוטיק: באַשיצן.
אין אַלע געוויטערס. אויף אַלע וואָגלוועגן אַ קול: מ אַ מ ע.

אַלע דיכטער האָבן דיך באַזונגען, מאַמע.
נאָר אַ טראָפּן פון דער יידישער דיכטונג, אַ טראָפּן,
אַ קליינע אַנטאָלאָגיע: מ אַ מ ע. אם כל חי — די מוטער פון
אַלעם לעבעדיקן.

געסדרט לויטן א״ב.

די לידער געגעבן לויט די מקורות. אַן ענדערונגען.

דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער קליינער אַנטאָלאָגיע האָט
פאַרשריבן די בקשה:

אויסברייטערן.

י. ח. בילעצקי

אפרים אויערבאַך

## זון און קינד אויפן ווינט

מיד איז דאָס קינד, מיד פון שפּיל.
מיד איז די זון, מיד פון שפּיל.
שלאָפן ביידע, — שאַ און שטיל.
נאַכט איז פינצטער און געדיכט.

אָבער די זון קומט צום קינד,
רוימט אים איין אַ סוד: — דערוואַך!
כ׳האָב געבראַכט מיט זיך דעם ווינט
רייטן איבער גאָרער וועלט,
ביז דאָס קינד אַ שטוב געפינט,
וואָס איז פול מיט פראָסט און קעלט.

זון גיט דעם ווינט אַ באַפעל:
פינצטערע נאַכט באַלד צערייס!
און וואַרפט אַראָפּ צו דער שוועל
וואַרעמען שיין הויפנסווייס.

וואַרעמען שיין פולע הענט
האָט די מאַמע אָנגעשעפּט
און צו די קינדער צעגענענט:
— נאַט אייך וואַרעמקייט און לעבט.

— ברויט צו דעם ליכט, מאַמע, גיב, —
האָבן די קינדער שטיל געדעדט.
און די מאַמע האָט זיי ליב,
זאָגט זי: — מאָרגן, איצט איז שפּעט.

אָבער דאָס קינד האָט געהערט
אַז אין דער שטוב הונגער שרייט,
האָט עס דעם ווינט אומגעקערט
און דער זון געהייסן: — רייט!

גיט די זון דעם ווינט אַ יאָג,
גיט דער ווינט זיך באַלד אַ ריס,
און זיי ברענגען נאָך פאַרטאָג
ברויט און פוטער, האָניק, ניס.

מאַמע האָט טיש באַלד געגרייט:
— עסט זיך, קינדער, אָן צו זאַט.
פרעגט שוין גאָרנישט וויפל פרייד
קינדער האָבן דאָרט געהאַט.

זון האָט דעם ווינט אָפּגעשיקט
און דאָס קינד אַהיים געבראַכט.
קינד אין בעט פאַרשלאָפן ליגט, —
קיינער ווייסט נישט פון דער נאַכט.

לייזער אייכענראַנד

# מיין מאַמע

א

דער מאַמעס תּפילות זענען רויזן
פון דער נאַכט;
פון אירע אויגן פליגלען־אויף
די ברכות
שטערנווייט און שטיל;
איר ווייסער שמייכל פירט אונדז
דורכן חשכות־גאָרטן
פונעם שלאָף;
איר שווייגן
העלפט אונדז הערן
דאָס שלאָגנדיקע האַרץ פון וועלט.

ב

הייליק שבתדיקע שעה:
דער מאַמעס שטילע הענט,
איר לייכטנדיקער פּנים
אָטעמען מיט בענטשדיקער רו:

„— לאָז אונדז, הימלישער דו,
וואָס מיר זענען דיין אייביקער קרייז,
אויפגיין אין דיין רו
ווען מיר וועלן ווערן אַלט און גרייז,

און אונדזער זאָמען
בליען לאָז פאַר דיר, נאָר פאַר דיין לויב,
פאַר הייליקן דיין נאָמען,
דו — וואָס האָסט באַשאַפן אונדז פון שטויב —"

די טרערנדיקע בלויקייט
פון דער מאַמעס שבתדיקע אויגן
עפענען אונדז די טויערן
פון אַ לאַנג פאַרמאַכטן הימל.

**דוד איינהאָרן**

# אַ וויעג־ליעד

אַליע־ליוליע, אַליע־ליוליע —
שלאָף, מיין טייערער, אין רוה;
וואויל איז דעם, וואָס האָט אַ מאַמען
און אַ וויגעלע דערצו.

אַלעס, קאָן מען נאָך געפינען,
אַלעס קריגט מען דאָך פאַר געלד;
נאָר אַ מאַמע — זי איז איינע,
מעהר נישט איינע אויף דער וועלט.

דאָס איז דאָך אַ גאָטס מתּנה,
ועמען עס איז נור בעשערט.
וועה איז דעם, וואָס האָט קיין מאַמע
אויף דער גרויסער וויסטער ערד!...

אַליע־ליוליע, אַליע־ליוליע —
ווי דער צער זאָל זיין נישט גרויס,
תּמיד קאָן מען איהם פערוויגען
אין דער מאַמעס שטילען שויס.

אַליע־ליוליע, אַליע־ליוליע —
ווי די זינד זאָל זיין נישט שווער,
אָבוואַשן וועט תּמיד קענען
זי דער מאַמעס ריינע טרעהר.

שלאָף, מיין טייערער, מיין ליעבער,
מאַך די אויגען צו און רוה!...
וואויל איז דעם, וואָס האָט אַ מאַמען:
אַליע־ליוליע־ליוליע־ליו!...

אסיא

# מ אַ מ ע

מאַמע,
מיין יידישע מאַמע,
מען האָט ניט געלאָזט
דיר דיין יידישקייט וויינען,
דו האָסט איבער מיר
ווי אַ טויב ניט געוואָרקעט,
מיט ברעקלעך, פון מויל
אָפגעריסענע, מיך ניט געקאָרמעט.
דאָס ליימיקע ברויט —
אַ פּאָר ביסן
מיר האָבן ווי קינדער
אויף צוויי גלייכע טיילן צעריסן
מיט פינקטלעכע מאָסן —
אויגן פול הונגער.
אויף וועגן פון שרקעלעכע ווונדער
מיט בלייענער שׂינאה באַרעגנט,
אַ זאַק איבער לענדן דאַרע באַהאָנגען,
אַ מאַמע יתומה
ביים זייט פון דיין קינד ביסט געגאַנגען,
וואָס האָט זיך געעלטערט אין שעהען,
מאַמע קינד
פון דער ברייטער ווילע,
באַגזלט
פון יונגן חלום
אין שפּעטע טעג
געזונט זאָלסטו זיין.

רבקה באַסמאַן

## דערמאָנט מען מיין מאַמען

דערמאָנט מען מיין מאַמען
ווער איך אַ קינד.
און ס׳מאַכט ניט אויס
די גרויע האָר,
און ניט די פערציק יאָר.
אַ קינד!

אויך שפּיגלען ווערן מיד
פון ווייזן אַלע שעה אַן אַנדער בליק.
וויל איך געדענקען
דעם קערן,
וואָס האָט ביים ווערן
צעגרינט אַ קינד
מיט זון אין אויגן, —
יענע רגע,
וואָס האָט מיט זון מיך אָנגעזויגן.

י. ח. בילעצקי

# מיין מאַמעס שפּריכוואָרט

„די שטוב ברענט, דער זייגער גייט"
מיין גוטע מאַמע האָט עס געזאָגט.
וויפל חכמה, וויפל חן
אין דעם פּשוט, קלוגן זאָג.

„פון אַ ביסל און אַ ביסל ווערט אַ פולע שיסל"
ס'קלינגט אין מיר מיין מאַמעס וואָרט.
ס'איז דאָך וווּנדער איבער וווּנדער
ס'איז דער חן פון בעסטן סאָרט.

„אַז מ'דאַרף שוין אָנקומען צום מענטשנס גאָב,
איז כאָטש נעם זיך און באַגראָב".
ס'האָט מיין גוטע מאַמע שטענדיק
אויף גאָט געלייגט דעם טראָפּ.

„פון ליידיקע פעסער איז דער ליאַרעם גרעסער"
מיין זון, דו הערסט, מיין זון, גיב אַכט.
גייט מיר נאָך מיין מאַמעס חכמה
סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט.

„אַ שלעכט ווייב איז אַ וווּנד אויפן לייב"
אַ וואָרט געשניטן פון די ריפּן.
מיין מאַמע האָט דעם זאָג געזאָגט
מיט ציטערדיקע ליפּן.

„אַלץ אין איינעם איז ניטאָ ביי קיינעם"
אַ דאַנק דיר, מאַמע, אַ דאַנק ביז גאָר,
דיין שפּריכוואָרט זינגט אין מיינע בלוטן
געבליבן כ׳בין דיין פאַנטאַזיאָר.

יאָסל בירשטיין

# און מיין מאַמע שטייט דערביי...

מיין מאַמעס האַרץ איז אויסגעגאַן
מיט בענקשאַפט נאָך אַ ניגון
פאַר איר טרויער, וואָס זי האָט
אַ לעבן־לאַנג פאַרשוויגן.

האָב איך איר בענקשאַפט און איר וויי
אין זיך אַריינגענומען
און מיט די מתּנות צוויי
בין איך צום ליד געקומען.

און איך האָב זיך ביים ליד געפרעגט:
ווו איז פאַראַן דער ניגון
פאַר איר טרויער, וואָס זי האָט
אַ לעבן־לאַנג פאַרשוויגן.

האָט ס׳ליד צו מיר אַזוי געזאָגט:
אוי זינג דיין מאַמעס טרויי׳ר אויס
מיט דעם שטילן בטחון־ליד,
וואָס ס׳פאָלק געדענקט פון דורות.

האָב איך צום ליד זיך צוגעהערט
און מיט מיין פאָלק צוזאַמען
זינג איך אין פאַרוואָגלשאַפט
דעם טרויער פון מיין מאַמען.

בנימין

# אַ יידישע מאַמע

ווען עלטערער זון — ווי אַ ברענענדער דאָרן —
פאַרגאַנגען אין וואַרשעווער פלאַמען, —
איז ווער איז פאַרדאַרט און פאַרטריקנט געוואָרן? —
זיין מאַמע, זיין אַלטיטשקע מאַמע...

און איצט אויפן ברעג אינעם דרום צעשטראַלטן
דערמאָנט זי איר לעבן איר ביטערס...
נאָר זי — אויסגעטריקנטער צפון־בוים אַלטער —
אַ שטאָלצע — שטייט קעגן געוויטער!

אין באַקן, פאַרגעלטע פון זאַמד און פון קומער,
האָט קנייטשן פאַרלייגט דעם זכרון.
און יעטוועדער קנייטש — אין זכר אַ שטומער
פון יאָרן, פון צענדליקער יאָרן.

די אַלטע פאַטשיילע פאַרוקט אויפן שטערן,
פאַרציילט אַ קדמונישע מעשה —
פון טויזנטער יאָרן, צעווייקטע אין טרערן,
פון קעפ — ווי די שנייען די ווייסע.

די שיך — פול מיט שטויבן פון וועגן פון לאַנגע, —
אויף וואַנדערן איז זי אַ מבין! —
און ליכטיקע אויגן מיט יונגע געזאַנגען,
ווי ליכט אויף אַן אַלטער מצבה.

אין בלויקייט פון אויגן צוויי טרערן נאָר צאַפּלען,
עס שפּיגלען די ימען זיך טיפע.
און גאָר אין דער טיף פון די צאַרטע שוואַרצאַפּלען
פאַרגייען בונטאַרישע שיפן. — —

*

ווען יינגערער זון איז צו ערד אויסגעטרוימטער
אַוועק דורך צעבוואַליעטע ימען —
שטייט ווער אין גראַנגל מיט כוואַליעס צעשווימטע? —
זיין מאַמע, זיין יידישע מאַמע...

**יונה בערקמאַן**

# מאַמע מיינע

...און זאָל מיר אַזוי טאַקע נאָכגיין יאָר־איין און יאָר־אויס
די קלעמונג, וואָס עקבערט אין מיר באַלד אַ קיילעכדיק דור,
און לעשט אויך אַפילו אין אייגענער היים אויס מיין היינט
און ציטערט אין בלוטן מיר אַן דעם אַקאָרד פונעם זכור...

עס טרעפט גאָר ניט זעלטן, איך שפּאַן מיט התפעלות אין אויג,
פאַרבליפט פון די תכלת־קופּאָלן, פון זוניקן רוים,
ווי פּלוצלונג, אַ מאַמע, כ׳דערזע ווי דיין רוקן זיך בויגט
ביים קערן די גאַסן פון געטאָ, פון פּחד געצוימט.

כ׳בלייב שטיין. אַן אַננאָמענדיק ווייַ שפּיזלט דורך מיין געמיט.
מיין קאָפּ ווערט צעזעצט, ווי פאַרשרויפט פון אַ שטאָלענעם רינג.
כ׳שטום אויס אַ געשריי, וואָס די זיילן פון וועלט ער צעשיט
און טרייסלט דעם כסא הכבוד פון דיר, אלוהים.

דער וויי, וואָס האָסט, מאַמע, דעם קרעכץ פון דיין אייגענעם פּלאָג
פאַרבאָרגן בחדרי חדרים, צום מויל ניט געבראַכט;
דער ווייַ פונעם אמת, וואָס טשאַטעט אויף יעטוועדן ראָג
אַנטקעגן דיין זינדיקן זון, וואָס ט׳פאַרלאָרן דיין שליאַך.

דעם אמת, אַז ניט גענוג האָט ער דיין כבוד געשווינט:
אַן דיין ברכה געלאָפן פון טויט, פונעם פלאַמיקן רויך,
כאָטש דאָס איז אַוודאי געוועזן דיין טרייסט און דיין טרוים —
אַ קדיש זאָל בלייבן נאָך דיר און אַ יאָרצייט־ליכט אויך.

נאָר איך, ווי אין חיבוט הקבר, באַנומען פון גרויל,
כסדר איך טראָג אויס די לאַסט פון פאַרפאַלן געמיט —
מ׳האָט ניט געבראַכט דיך צו קבורת־ישראל, מיין קרוין,
כ׳האָב, טייערע, דיך ניט געהאַלדזט אינעם בלוטיקן שניט.

משה בראָדערזאָן

# אוי, מאַמע!

— אוי, מאַמע טייערע, דו ליגסט אין זאַק אַ קניילעכל באַוול:
טאָמער אפשר וועל איך דאַרפן צונייען אַ העמד...
נישט צו טאָן אין די מרחקים עמעצן אַן עוולה
גיי איך איצט פון דיר אַוועק אין ווייטער, ווייטער פרעמד.

— מאַמע האַרציקע, שוין איז דיך אומגעריכט באַפאַלן,
שטיקער גאַנצע האָט מען אויסגעריסן פון דיין גוף,
כ׳זע, ווי אויפגעעפנט האָבן זיך די טרערן־קוואַלן,
טאָג ווי נאַכט איך הער דיין שטילן זיפצנדיקן רוף.

— מאַמע ליכטיקע, פאַרפינצטערט האָט מען איצט דיין לעבן,
אין דער שלאַכט אַוועק עס זיינען טאַטעס און די זין,
דיינע זין געטרייע — העלדיש און איבערגעבן —
אין דער ווינטערדיקער ווייסקייט, אין דעם זומערס גרין.

משה דוד גיסער

# תפילת אם

אָ, זונעניו מיינער! דער טאַטע איז קראַנק!
און קאָן שוין פון אָרט זיך נישט רירן...
און קאַלט איז, אַן אימה, דער ווינטער איז לאַנג,
מיר וועלן דאָ אַלע פאַרפרירן.

אויף יענער זייט געטאָ נאָך קריגט מען אַ ברויט,
מען דאַרף נאָר אַריבער די מויער,
דאַן וועלן מיר שטילן די ביטערע נויט
און גרינגער וועט ווערן דער טרויער.

איך האָב נאָך מיין רינגל, איצט טו איך עס אויס,
און זאָל דיך זכות אבות באַגלייטן,
אַז דו זאָלסט בשלום קומען צום הויז,
וואָס שטייט מיט צוויי אָפענע קלייטן.

דאָס הויז האָט אַ גאָרן געדענק עס געננוי!
די קלייטן, זיי זענען פאַרנומען.
אין איינער דאָרט האַנדלט מיט צלמים אַ גוי,
און אַהין זאָלסטו פאַרזיכטיק קומען.

ווען ווערן וועט נאַכט שוין, דאָ זאָלסטו באַגליקט
צום פריץ אין קלייט אַריין לויפן
און זאָגן מיט טרערן, אַז דיך האָט געשיקט
די מאַמע, דאָס רינגל פאַרקויפן.

דער טאַטע איז חרוב, דערבאַרעם זיך גאָט!
זיי פאַרזיכטיק, קינד, ביי דעם טויער!...
דאָרט דרייען זיך דייטשן, שיכור, ווי לוט
און היטן מיט ביקסן די מויער.

יעקב גלאַטשטיין

# דער מאַמעס שטאָלץ

**מאָריס סעמיועלן מיט גאָנטשאַפט**

דער באַשערטער יום־טוב פון שטאַרבן
צינדט אין דער מאַמעס אויגן
שוואַרצע פאַרבן.
זי וואָלט שוין אַהינגעפלויגן,
זי קען אַלע טרעפּ,
אָבער זי ווייסט — אירע לעצטע צאַפּלען
זענען מדרגות.
זי דאַרף דורכטאַנצן אַלע שטאַפּלען,
מיט אַ ביסל שרעק און אַ סך גלויבן.
זי רייניקט זיך אַנטקעגן,
יענע איינגעדענקטע וועגן אויבן,
מיט קליינעם באַשיידענעם שטאָלץ.

צוויי געטרייע פליגן
ברענגען אַ זשום פון טייטש־חומש־ניגון.
די פרומע גסיסה
איז ס׳ביסל אייגנס, אָפּגעהיט,
אָפּגעשפּאָרט פון דער מאַמעס
פאַרהאָרעוועט, שווער געמיט.
זי ווייסט ווי אַ כשר׳ע יידענע שטאַרבט.

דער וואַנט־זייגער ציילט אַריין
אירע אָטעמדיקע טריט,
ערגעץ אינדערמיט
פון אַן אייגענער אייביקייט.

די קליינע מאַמע שטאַרקט זיך.
זי איז גרייט.
זי נעמט זיך פּלוצים איילן.
הויט־און־ביין שפּאַנט מיילן
אומגעריכט,
צו איר ליכט — דער פינסטערער וואַנט.
זי ווייסט ווי פּייערלעך זי ווערט דאָרט אָפּגעהאַרט.

נאָך איצטער פאַרקלעמט מיר דאָס האַרץ,
אויב מען האָט חלילה,
אַזאַ פאַרגלייבטע גוטסקייט
פינסטער אָפּגענאַרט.

יעקב גלאַנץ

## מיין מאַמע פלעגט שטריקן מיט טרערן

ס׳פלעגט מיין מאַמע מיט טרערן דערשטריקן
די פאַרלוירענע אייגלעך פון זאָק,
ווען זאָרג ווי אַ תּליה פלעגט שטיקן
דעם האַלדז פונעם שטאַרבנדן טאָג.

דער טאָג פלעגט לאַנג זיך נאָך וואַרפן,
ווי אַ טרייף — נישט דערקוילעטע עוף.
שאָטנס די נאַכט פלעגט צעוואַרפן —
זשמעניעס צעשאָטענעם שלאָף.

שוין שטריקט נישט די מאַמע קיין זאָקן
און ס׳שטיקט מיך די זאָרג אַלץ און ווערגט.
שאַרקעט דער טאָג זיך — אַ זקן,
די נאַכט גייט — אַ בער אין די בערג. — —

**חיים גראַדע**

# איר געשטאַלט

ס׳דערוויטערט זיך, מאַמע, פון מיר דיין געשטאַלט,
און ווערט ווי פאַרטאָג די לבנה אַלץ בלאַסער.
נאָר בלאָנדזשעט דיין טרער אינעם נעפּל און שטראַלט,
און שטאַרבט אין מיין בליק ווי דער טאָג־שיין אין וואַסער.
ביז ווייטאָג איך שטרענג מיין געדעכעניש אָן,
אַרויסרופן וויל איך דאָס ליכט פון דיין פּנים,
מיין אייגענעם קערפּער וואָלט איך אויסגעטאָן,
און דיך צו באַלעבן מיט לייב אָנגעטאָן אים!
נאָר ווער קען פאַרפרעסן אין דלאָניע דעם טוי?
דיין אָנבליק רינט אויס פון מיין מוח דעם מידן.
דו זעגלסט אַוועק ווי אַ שיף ווייט אין בלוי,
און הויך ביז מיין האַרצן די אָפּגרונטן זידן.

נאָר ס׳טרעפט אַז איך ליג מיט אַ נאַכטיק געזיכט,
פאַרשטאַרט ווי אַ קבר־שטיין, שטום און אַ בלייכער,
טאַפּט אָן מיך אין טונקל אַ שטראַל אומגעריכט,
מיין שטייניק געזיכט הייבט אָן צוקן, ווערט ווייכער.
פּאַמעלעך מיין קאָפּ צו דער טיר דריי איך אויס,
ווי ס׳דרייט אויס אַ קראַנקער דעם קאָפּ צו זיין רעטער:
דו שטייסט אויפגעשיינט אויפן שוועל פון מיין הויז,
און לויכטסט אין דער נאַכט ווי אַ לאָמפּ צווישן בלעטער.
און פריש איז דיין גוף ווי געטובלט זיך ריין
וואָלטסטו זיך ביי שׂרהן איז שוויס אין גן־עדן,
וואו דו ביסט אַ קינד שוין געוואָרן אַליין.
און שטיל און מיט ליבשאַפט דו נעמסט צו מיר ריידן:
ניט קלאַמער, מיין קינד, אין מיין שאָטן זיך מער,
פאַרגעס וויפל איך האָב געליטן ביים שטאַרבן,

און אויב מיט מיין אָנדענק איז לעבן דיר שווער —
פאַרגעס אין מיין פנים, די אויגן, די קאַרבן.
נאָר וויינען וועל איך אין מיין קבר פאַרשעמט,
אין שטויב מיין געביין וועט קיין רו ניט געפינען,
אויב אויך אין דיין האַרץ וועל איך ווערן דיר פרעמד,
און ס'וועט מיין צוואה אַרויס פון דיין זינען.
ווען באָרוועס געשטאַנען בין איך ביי דעם ראַנד,
געזען האָב איך דיך און דורך טרערן געשמייכלט,
ווי איינער וואָס קומט אָן אין הייליקן לאַנד,
און לאָזט זיינע שיךביים אַריינגאַנג אין היכל.

אורי־צבי גרינבערג

# צו דער מאַמען

ווי קען מען נאָך שטילער פאַרלעשן אַ לאָמפּ ווי אַ מענטש
פאַרלעשט בידים אַן אייגענעם מענטשלעכן נאָמען,
ווייל ער וויל אַליין שוין אויסגעטיילט זיין און ווייט זיין
פון יעדער געזעלשאַפטלעכקייט, פון זייער אמת און ליגן צוזאַמען...

א.

איידער ס'וועלן ווערן פאַרפרוירן אין מערב די טייכן
און מיינער בתוכם: דער טייך פון בילקאַמין,
דאַרף מען גיין אינעם סאָסנעווען וואַלד דאָרט אָנקלייבן שפּענער
און ברענגען אויף פּלייצעס צו טראָגן
צום הויז פון דער מאַמען.

מיין טייערע־טייערע מאַמע, געלויבט איז דער בורא
וואָס כ'האָב דיך נאָך דאָ אינעם לעבן אויף טרויריקער ערד,
וואָס ס'זענען די דייטשע באָמבירערס אַריבערגעפלויגן
און דיין קאָפּ און דיין דאַך נישט צעשטערט.

וואָס זאָל איך דיר שרייבן מיין טייערע אָרעמע מאַמע
אַז שוין ביי די ערשטע פּאָר ווערטער באַנעמט מיך אַ מורא
דער סאָוויעטישער צענזאָר וועט ברענען
ביים לייענען די פּשוטע ווערטער:
„געלויבט איז דער בורא".

ווייל איידער ס'ווערן פאַרפרוירן די טייכן צו גליטשאייז
זענען די דעכער באַגינען שוין ווייס פונעם פראָסט,
נעמט די אָרעמע טייערע מאַמע זיך אויסקוקן די אויגן
אויף וואָרעמער פּאָסט.

דאַרף מען זיך נעמען און שרייבן אָט־אַדאָ אין מרחקים,
וואָרעם אַזוי ווי דאָס בלוט איז אַ קריוודע דער מאַמען
וואָס זאָל קומען אַהין ווען ס׳וועלן שוין ליגן פאַרפרוירן
די טייכן, און מיינער בתוכם: דער טייך פון בילקאַמין.

ב.

אָ! פייגל מיינע שיינע, ווו זענט איר ערגעץ ווייט פאַרפלויגן?

אָט איז ער דאָך דער ים־געשפּרייט:
נאָר איבער אים וועל איך נישט קענען גיין מער
דאָרט אַהין
פון וואַנען כ׳בין געקומען איבער אים אַהער.
ווי מיר, ס׳איז ווי אייטער אין אַ פלייש־ווונד־שפּאַלט
אין מיין אויג אַ טרער...
אָט איז דאָך קעגן איבער בענקשאַפט־אויג דער מאַמעס הויז:
אָט אַ דאָרט דער סאָסנעווע — כ׳מיין: דער לבנונדיקער וואַלד...
אַ יינגעלע מיט יינגעלעך כ׳בין זומערדיק געגאַן אַהין.
דער ריח און דער טעם פון האָניק און דאָס זשומען פון אַ בין.
טויטע מיינע יינגעלעך... ווי קען מען גיין אַהין?

דער הימל איז ווי אויגן פ אַ ר געוויין
דער הימל איז ווי אויגן נ אָ ך געוויין
אַ מענטש אַ ייד ווי איך איז אויך אַזוי אַצינד:
פ אַ ר ג ע ו ו י י ן א ו ן נ אָ ך ג ע ו ו י י ן — —

ג.

נאָכן פילן אַלע געווירצטע און געשמאַקע טעמים
פון געבאַקנס און געקאָכטס אין דער פרעמד

און נאָכן זיין אַ געפּרוּווטער מבין און אַן אַלצדינג־ווייסער —
זאָג איך:
דאָס טעפּל פאַרקאָכטע קאַווע ביי דער מאַמען אויף דער
טריניטשקע אַמאָל
איז בעסער פון דעם פיינעם געטראַנק אין דער פאַרגילדטער שאָל
ביים קייסער פון אַמאָל — —

אָט אָ זענען זיי די טייכן וואַסער פון אַמאָל;
זיי זענען יאָ געבליבן,
מיר ווערן דאָך ווי זיי אין אונדזער ווערדעגאַנג געטריבן.
מענטשן זענען נישט ווי די געוואַסערן, די טייכן,
די וואַסערטייכן וואַנדערן און לויפן, רוען נישט, אָן אויפהער,
אָבער אונטער זייער גאַנג און לויף אין ווייטן וועג
איז תּמיד דאָ־און־דאָ זייער אייביק ע ר ד ג ע ל ע ג.
מיר די מענטשן האָבן נישט קיין האַפּט אין אונדזער ווערדעגאַנג.
אַפילו אונדזער שווערקייט אויף דער וואָג איז מינדערווערטיק
פון אַ טרער.

ווייַ צו דעם געזאַנג אין מיין געהער!

ד.

אין מיטן העלן טאָג דערפיל איך אויפדערנאַכטיקס
ס'ציט ציען שלאָפן מיך אַ שלאָף אויפדערנאַכטיקס.
שוין זשע? — אפשר איז עס אַ הקדמה־ציונג
צו יענעם שלאָף אויף ערד־געלעגער: אייביק נאַכטונג.
און איבער אַלעם שניי־זאַווייַ, טל־ומטר, ביימער־בליונג.
איך זע מיין גאַס און ווינונג ווי פון יענער וועלט שוין
כאָטש איך בין דאָ בגלגול גוף גלייך שוין נישטאָ
אין מיטן העלן טאָג אַ שטערננאַכט איז בלאָ
איך זע מיין הויז: אין יוצא ואין באָ.

אַז אַן אויפדערנאַכט פאַלט צו אויף די העל בלאָנדע האָר
ווערט דער קאָפּ פאַרנאַכטיק טונקל גאָלד,
וואָלט איך מיין טייערע אַוודאי דיך געוואָלט
ברענגען אין מיין מאַמעס שטוב
נעבטיקן אויפן געבעטן געלעגער פון מיין מאַמעס גוטע הענט.
די נאַכט איז מלא־ריח פון עפּל און פון וואַלד...
ווײ ווײ, צו ווער ווען רעד איך? ווײ געוואַלד!
ס'איז שיין אַזוי אין ליד דיין גאָלד און דיין געשטאַלט!
אָבער אין בהקיץ־ווײ איז אַלעס אָפּגעברענט
די מאַמע מיטן רויך, דו אויך, אַפילו נישט אין גרוב —
אויפגעקלאַפּטע צלמים־יויזלער אין מיין מאַמעס שטוב.

**אליעזר גרינבערג**

# דאָס איידעלע געשטאַלט פון מיין מאַמען

רחמנותלאָזער לויף פון יאָרן פאַרווישט און פאַרמעקט שטריכן, שפורן,
פנימער פון סאַמע נאָענטסטע וואָס האָסט אַזוי ליב געהאַט.
נאָר אַמאָל לויכט פּלוצעם אויף אַ שמייכל; לאַנג פאַרטושטע אינטימע קאָנטורן,
אַ ווינטל ברענגט אַמאָל צו טראָגן אַ באַקאַנטן אַראָמאַט
וואָס שמעקט מיט דערמאָנונג, און לעבט אויף אין דיין זכרון
אַ געשטאַלט, וואָס ס׳האָט אויף דעם קיין שליטה נישט דער לויף פון יאָרן.

איך געדענק שוין קוים דאָס איידעלע געשטאַלט פון מיין לאַנג שוין טויטער מאַמען,
נאָר ווען איך רעד אַרויס דאָס וואָרט ווערט פּלוצעם פייכט מיין בליק,
זי וואַקסט אויס לעבעדיק פאַר מיינע אויגן,
און מיין האַרץ נעמט ציטערן מיט פרייד פון אַן איבער־ערדיש גליק!...

שמואל האַלקין

# די מאַמע

פון ליבע צו מוטער איז שווער צו דערציילן:
אַ מוטער ווי אַלע מיט גרייטקייט אין ברוסט —
דעם ביסן פון מויל מיט די קינדער צעטיילן,
און אָפּגיין מיט בלוט פאַר אַ קינדערשן הוסט.

און קינדער אַזוי פיל — אַ צען קיין עין־הרע,
און איטלעכעס קינד איז געראָטן און שיין;
געווען איז די מאַמע — אַ שטאַלטנע, אַ קלאָרע,
מיט אויגן מיט שוואַרצע און ליכטיקע ציין.

געבאָרן אין דאָרף אין אַ פּויעריש שטיבל,
די לייבלעכע ערד — אונטער באָרוועסע פיס;
די שוועסטער, די ברידער אין דערפער פאַרבליבן —
געמיינט, אַז אין דאָרף זי פאַרבלייבט שוין געוויס.

אַז טאַטעס און זיידעס — אַ קייט אַזאַ לאַנגע —
אין דערפער, סעליבעס שוין וויפלטער דור;
אָט דאָ אין אַן אַלקער אין טראָגן פאַרגאַנגען,
אַ הויבן געפונען אין אייגענעם דאָרף.

נאָר ס'האָט אים, דעם טאַטן, געצויגן אין שטעטל,
אַן עקשן געווען איז דער טאַטע אַ מאָל:
„ס'איז קאַרג אים דאָס דאָרף און די דאָרפישע זעט,
און עס וואַקסן דאָך קינדער, און ס'איז דען אַ טאָלק?

ניט שבת, ניט יום־טוב, ניט וואָך און ניט אָפּרו,
פון פרי און ביז אָוונט — נאָר רויך און געררוך:
פון אויפשטיין באַגינען ביז לייגן זיך שלאָפן —
נאָר דזשעגעכץ, נאָר בראַנפן, נאָר שווייסיקע טוך.

פאַררופן אַן אורח אַ מאָל אין אַ שמיטה —
און קומען אַ פרעמדער אין אייגענער שטאָט...״
די מאַמע — זי האָט זיך אין פנים געביטן
ווי ס'וואָלט איר דאָרט עלנט און הונגער געדראָט.

געווינט שוין צום פויער, צום ראָד און צום ברונעם,
צום שאָטן פון פריזבע — אין זומער ביי טאָג;
ביי נאַכט אין דער שטיל זיינען טרערן געררונען,
נאָר קיין מאָל אַקעגן קיין וואָרט ניט געזאָגט.

געבראַכט זי אין שטאָט, ווי אַ קרבן געבונדן —
אַ ליכטיקער שפּור איבער האַלדז, איבער הענט;
געבליבן דאָס דאָרף איז — פון ווייטן, אין וווּנדער,
פון וואָגן אַראָפּ און צעריסן די פענט...

אַזוי זיינען טעג זיך געגאַנגען, געלאָפן,
געוועבט זיך אין שווערע, געפלאָכטענע שטריק,
און ערגעץ אין טיפן געגליט האָט אַ האָפנונג:
מיט מאַן און מיט קינדער זיך קערן צוריק...

אַצינד איז די מאַמע — אַ שטילע, אַ צאַרטע,
נאָר זילבערנע האָר און נאָר קנייטשעלער טיף;
פון אויפשטיין באַגינען זי הייבט שוין אָן וואַרטן:
וועט אפשר דער טרעגער היינט ברענגען אַ בריוו.

איך בין זיך אייך מודה פון טיפן, פון האַרצן:
מיין מאַמע איז קוים וואָס זי שטעלט אויף אַן אות,
נאָר ס׳טרעפט, אַז איך קוש אָט די אותיעלער שוואַרצע,
די צייכנס די קרומע און ווייס ניט פאַרוואָס.

צי טוען זיי לייד מיר די ביינער, די פינגער
וואָס האָבן ניט זיכער געשאַרכט אויף פּאַפּיר,
נאָר עפּעס עס ווערט מיר אי בעסער, אי גרינגער,
ווען ס׳זיינען די בריוו מיט די צייכנס באַצירט.

איך זע זי, די מאַמע, ווי איצטער איך זע זי —
ביים ברעג פונעם דניעפּער, ביים בלוילעכן פּאַס:
עס איז דאָן אַ תמוז־באַגינען געוועזן,
ווען איך בין אין שטעטל געקומען צו גאַסט.

פאַר וועמען — אַ גאַסט, און דער מאַמען — אַ נחת,
(יאָרן אין גרוילן אונדז האָבן צעשיידט).
אוקריינע — אין פלאַמען געלייטערטע רחבות —
דער מאַמעס פאַרהיט האסט א לויטערע פרייד.

**מ. ל. האַלפּערן**

# דערציייל

קום זיי מיר אַ מאַמע. דערציילט האָט מיין מאַמע
אַ מעשהלע פון אַ פּאַפּירענער בריק —
דערצייל עס מיר אויך און דערצייל פון די פייגל,
וואָס קומען אין זומער־צייט ווידער צוריק.

פאַרטרייב פון מיין בעט די חלומות די וויסטע,
וואָס קומען צו מיר אַלע נאַכט, אַלע נאַכט.
דערצייל פון מלאכים, וואָס זענען געקומען
און האָבן מיר גאָלדענע שטערן געבראַכט.

און קלינגט מען אין קלויסטער — פאַרהאַלט מיר די אויער
פאַרהאַלט זיי, און זאָג, אַז דער שטאָט־זייגער קלינגט.
און וויינט אין די לאָדן דער ווינט, זאָלסטו זאָגן —
עס זיצט ביי אַ ספר דער טאַטע און זינגט...

דערצייל, אַז ס'איז וואַרעמער זומער אין דרויסן,
און זינגענדיק גייען די גויים פון פעלד.
דערצייל — אפשר וועט דאָס מיין קומער פאַרשטילן
און ליכטיקער, ליכטיקער מאַכן מיין וועלט.

בינעם העלער

# אַ טרער

מיין טאַטן מען האָט נאָך באַגלייט מיט געוויין
צום קבר, מיט קדיש און קריעה.
נאָר ווו איז געבליבן מיין מאַמעס געביין? —
דאָס איז בלויז איר טרער אויף מיין וויע.

איך האָב אָט דעם לויטערן טראָפּן פאַרהיט,
געשיצט ווי דאָס ליכט פון דער ראיה.
דו ווייסט ווער עס ציטערט איצט איבער מיין ליד? —
דער מאַמעס אַ טרער אויף מיין וויע.

מיט שטעכלדראָט האָט מען פאַרצויגן די ערד,
פון בוים איז געוואָרן אַ תליה.
ווער האָט מיך פון יאוש און אומקום געווערט? —
דער מאַמעס אַ טרער אויף מיין וויע.

אַנטלאָפן בין איך פון פאַרלאָשענעם בראַנד,
אַנטלאָפן בין איך פון דער שקיעה.
ווער האָט מיך געפירט אין דעם הייליקן לאַנד? —
דער מאַמעס אַ טרער אויף מיין וויע.

געגרייכט האָט מיין שיף צו דעם גאָלדענעם ברעג,
פאַרענדיקט האָט זיך די נסיעה.
וואָס איז מיר געבליבן פון גאַנצן פאַרמעג? —
דער מאַמעס אַ טרער אויף מיין וויע.

אָט שטייג איך אַרויס פון דעם ים אין פאַרנאַכט,
און מיר איז באַשערט אַזאַ זכיה:
צו קבר־ישראל זאָל ווערן געבראַכט
דער מאַמעס אַ טרער אויף מיין וויע.

ז. וויינפער

# דער מאַמעס ניגון

אין שטוב — די פּנימער און לויטערקייט פון שכינה, —
די מאַמע לייענט פרום פאַר זיך די תּחינה.
און פּלוצלונג הויבן קלויסטער־גלעקער אָן זיך וויגן —
די קלאַנגען ברייט צעגאָסענע און אָפּטמאָל דינע
צעמישן זיך מיט מאַמעס וויינענדיקן ניגון.

אַ זונשטראַל אויפן דיל און מערער אויף די בעטן
און אויף די ווענט רבי׳עשע פּאָרטרעטן.
די מאַמע זיצט פאַרחלומט מיט אַ פרומע מינע
און דורך די פענצטער זונבאַלויכטענע טאַפּעטן
פון לאַנקעס, גידענע און גרינע.

אַ בוהיי האָט זיך ערגיצווו צעשריגן
אַזוי הויך, אַז די לופט נעמט זיך צעוויגן
און ברייגט דורך פענצטער מיר דעם דופט פון קאָנעשינע, —
די מאַמע כאַפּט זיך אויף און הויבט אָן מיטן ניגון
דערלייענען פאַר זיך אַליין די תּחינה: —

„און זאָלן וועלף זיך איינס דאָס אַנדערע פאַרצערן
און זאָלן שעפּעלאַך זיך מערן און פאַרמערן.
דער שאַרפשטיין זאָל שטענדיק וועלן שאַרפן
בלויז סערפּן, קאָסעס און די שערן
און שווערדן, שפּיזן זאָל ער ווייט פון זיך פאַרוואַרפן".

די קאַץ צענויפגעדרייט אין ווינקל ווי אַ בייגל
מאַכט אויף פֿאַמעלאַכדיק און פויל אַן אייגל
און הערט זיך איין אַ שווייגנדיקע צו דער מאַמעס זאָגן.
די קלויסטער־קלאַנגען שרעקן איבער דרעמלדיקע פייגל
און מיט אַ ליאַרעם נעמען זיי זיך אין דער לוטפן יאָגן.

שפרה ווערבער

# מיין מאַמעס תּפילה

שוין איין מאָל
האָט איר גליק געבעט
אַרויסגעצויגן מיך,
איר פּיצל,
פון קראַנקן הינערפּלעט.
אויך אַצינד,
ווען ס'זאַמלט זיך אַ שטורעם
הינטער לאָדן
זאַלפּיק אָנגעלאָדן —
טויכט אויף אין ווייס־געפּלאַטער
די תּפילה
פון מיין טויטער מאַמען
און טוט מיך
אונטער פליגלדיקן אויסשפּרייט
אַ פּאַרטוליע
אַקעגן העלישן געצונטער
פון די פלאַמען.

מאיר חרץ

# מיין מאַמעס הענט

מיין מאַמעס הענט גלעטן מיך ניט צאַרט;
מיין מאַמעס הענט — פאַרהאָרעוועט און האַרט
און ווי באַקסער יעדער פינגער אויסגעדאַרט.

מיין מאַמע העקל ניט און זיצט ניט ביי קיין זאָק;
מיין מאַמע קנעט ביי נאַכט און האַקט ביי טאָג —
און הונגערט ביי איר אָרטנלעכער וואָג.

מיין מאַמע וואַרעמט זיך די הענט ביים גלעזל טיי:
מיין מאַמעס הענט צעגייען ווי דער שניי —
און קלענער, קלענער, קלענער ווערן זיי.

דאָרע טייטלבוים

# מיין מאַמעס הענט

שטילערהייד זיינען מיר געגאַנגען צו דער באַן.
שטילערהייד, ווי מען באַגלייט אַ מת צום הייליק־אָרט.
אויף מיינע הענט — אַ קלומעקל, אַ טשעמאָדאַן.
אויף מיין מאַמעס — מיינע נעכטנס און אַ זילב פון אַ גוט וואָרט.

שווייגנדיק האָט מיין מאַמע מיך געפירט,
ווי זי וואָלט מיך קיינמאָל ניט געקענט;
נאָר ווען די טיר האָט זיך פאַרמאַכט און די באַן האָט זיך גערירט,
האָט זי מיטגעשיקט מיר אירע ווייסע ציטערדיקע הענט.

צען יאָר, צען לאַנגע זיינען שוין אַוועק
פון מיין היים זיינען געבליבן נאָר די זריבן פון די ווענט,
פון מיין שטאָט — אויף דער מאַפּע אַ קיילעכדיקער פלעק,
נאָר פאַר די אויגן צאַפּלען אַלץ מיין מאַמעס ווייסע הענט.

צוויי ווייסע הענט באַגלייטן מיך פון פרי ביז שפּעט.
צוויי אויסגעשטרעקטע הענט לאָזן מיך ניט אָפּ.
יעדע האַנט ווערט אַ מויל און רעדט.
אויף יעדער האַנט וואַקסט אַרויף מיין מאַמעס בלאָנדער קאָפּ.

צוויי ווייסע, צאַפּלדיקע הענט ציען זיך צו מיר,
וואַקסן אויס אויף מיר און ווערן מיינע גלידער.
כ׳שטיי אויף פון שלאָף מיט הענט, מיט צאַפּלדיקע פיר
און גיי מיט זיי קעגן שטורעם און געוויטער.

מאיר זימל טקאַטש

# זיי מוחל, מאַמע

ווייגעשריגן, מאַמע, האָסטו זיך געריכט,
אַז עס זאָל זיך אָפּזאָגן דיין זאָמען
אָפּצוהיטן קדיש, צינדן יאָרצייט־ליכט
און צו מזכיר זיין פאַר גאָט דיין נאָמען?

מאַמע, איך דערמאָן דיך, הייליק דיר אַ ליד —
ס'איז מיין יזכור, יאָרצייט־ליכט און קדיש.
זיי מיר מוחל, כ'בין אַ „פרייער, נייער ייד",
פרעג ניט, מאַמע, וואָס איך בין מחדש.

ניט מחדש בין איך, גאָרנישט גיב איך צו,
כ'נעם אַראָפּ נאָך פון געאַרבטן אוצר, —
מורד בין איך אין דעם אַלטן גאָט ברוך־הוא,
נאָר צו וועמען רוף איך מן־המיצר?

און דאָס מאַמע־לשון, וואָס כ'האָב מיט דיין מילך
איינגעזויגן און ניט אויסגעשפיגן,
איז פאַר דיינע אייניקלעך אַ טויבער הילך —
אָן דיין טייטש־חומש און תחינה־ניגון.

כ'בין אַ יורש פון אַן אַלט און הייליק הויז,
שטויב איך אָפּ און רייניק מיין ירושה,
אָבער מיטן שטויב אין איינעם פליט אַרויס
פון מיין אַלט און הייליק הויז — די קדושה.

יצחק יאנאסאָוויטש

# די מאַמע

זי שטייט אויף אין דער פרי נאָך אַ שלאַפּלאָזער נאַכט,
דאָס פּנים איז געל און די אויגן בלאָנדזשען דערשראָקן.
נאָר זי זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטול און רויק־באַדאַכט
נעמט זי שטריקן פאַר איר זון אויפן פראָנט אַ פּאָר וואַרעמע זאָקן.

זי הערט די ראַדיאָ־נייעסן. אַ שוידער לויפט דורך איר גוף ווי אַ בליץ,
די שטוב שווימט אַוועק אין אַ בלינדן, אַ פייכט־קאַלטן נעפּל.
דערנאָך שטייט זי אויף און אין אַ קעסטל מיט וואַטע,
מיט ווייכער באַשיצט
פּאַקט זי איין פאַר איר זון אויפן פראָנט אַ צענדליק רויטבאַקיקע עפּל.

און אַזוי טאָג נאָך טאָג. נאָך אַ לאַנגער קאָשמאַריקער נאַכט
שטייט זי אויף און נעמט פּאַקן, נייען, וואַשן און שטריקן.
אַרום איר איז גרויל, נאָר זי יאָגט אים פון זיך און זי טראַכט:
איר זון אויפן פראָנט, וואָס דאַרף ער? וואָס זאָל זי אים שיקן?

ביז איין מאָל אין דער פרי — זי שטייט אויף פון קאָשמאַרן
פאַרבלענדט,
איר פּנים איז גרוי און די אויגן בלאָנדזשען דערשראָקן.
און פּלוצים טוט זי אַ פאַל און אין אירע אויסגעלאָשענע הענט,
סע בלייבן פאַרקראַמפּט, פאַר איר זון אויפן פראָנט,
די וואַרעמע זאָקן.

יהואש

## אַ קוש דער מאַמען

שפּיעלט די מאַמע מיט'ן קינד
און דער טאַטע פרעהט זיך,
פעדים רונד אַרום די דריי,
פלעכטען שטילערהייט זיך...

זאָגט דער טאַטע צו דעם קינד:
קוש, מיין גאָלד, די מאַמען...
קושט דאָס קינד — צעלאַכען זיך
אַלע דריי צוזאַמען...

זאָגט די מאַמע צו דעם קינד:
גיב דעם טאַטען צוואַנציג...
קושט דאָס קינד — צעגליהען זיך
דריי פּאָר אויגען גלאַנציג...

פלעכטען שטילע פעדים זיך
רונד אַרום זיי אַלע,
טאַטע־מאַמע פון דאָס ניי
ווערען חתן־כלה...

מ. יונגמאַן

# די מאַמע

צו מאַמע מיינער פירט אַ געסל באַרג־אַראָפּ.
זי זיצט אַ קליינע פאַר דער טיר, מיט טיפן שייטל.
דאָס ווייסע טיכל אויף איר האַלדז, דאָס זעלבע וואָס פאַר צייטן,
און אויך דאָס זעלבע קוישל איר צופוסנס, פול מיט סוד...

זי שטרעקט מיר אויס אַ בלאָע אָדערדיקע האַנט: „קום, זיץ,
איך האָב פון תמיד אָן געוווּסט, אַז דו וועסט קומען".
דאָס זעלבע קול. דער מאַמעס. כ׳האָב אַליין פאַרנומען:
אין צפתער אויסגעקערטן געסל, שטיל — „קום, זיץ"...

איך טו צו איר גענענען. ס׳איז די שטוב איצט גרויס:
מיט שקיעה אין די אויסגעקרימטע פענצטער, מיט וועראַנדע.
דער טשערעפּענער דאַך איז אָפּגעבראָכן ביי די ראַנדן,
און פון די שוואַרצע טרעפּלעך קוקט די איינזאַמקייט אַרויס.

ניין! ס׳איז ניט זי... אַ טעות. ט׳מיך פאַרבלענדט די שיין.
אַ זקנה שטעלט זיך אויף פון שטול, מיט טיפן שייטל.
זי טוט מיט ציטערדיקן פינגער צו מיר טייטן:
— „איר זוכט אַוו צו שלאָפן? קומט אַריין..."

ה. לייוויק

# מאַמע־ליד

איך זע דיין פּנים אַזוי אויפגעגאַנגען קלאָר
אין בלויקייט פון באַגינען.
דיין פרישע וואַרעמקייט אויף מיר — דיין בכור —
ווי נאַפּל־מילך טוט רינען.

דו נעמסט אַרום מיך מיט דיין אויסגעבלייכטער האַנט
ווי ס׳נעמט אַרום אַ ניגון.
און טראָגסט מיך צו דיין פרייען רחבותדיקן לאַנד
פון לויטער וונדער־וועגן.

אין סאַמע מיטן פון אַ פייערדיקער וועלט
די וונדער־וויגן הענגען,
עס וואַקסט דיין ליבשאַפט־וויליקייט (וואָס מער עס העלט)
צום וויגן־לאַנד מיך ברענגען.

צווישן דיינע פינגער האַלטסטו אָנגעגרייט
ווייס־לייוונטענע ווינקלער.
דו וויקלסט מיך, דו הוידעסט מיך; דיין האַרץ פול פרייד,
דיין שמייכל איבערגליקלער.

וויג נאָכאַמאָל דיין בכור אַהין־אַהער,
דו אייביקע פון פרויען;
צו זען דיך גליקלער ווען — געוועזן איז מיין באַגער,
און אָט ווערט עס מקוים.

מאני לייב

# מיין מאַמע

מיין מאַמע איז אַ שיינע און אַ בלייכע
און אַ ווייסע ווי אַ טויב;
די האָר ווי שניי — צוויי דינע פּאַסמעס
פאַלן פון איר הויב.

און שבת׳דיק, אין זייד אין שוואַרצן
גייט זי שטענדיק אָנגעטאָן;
אויף אַ גאָלדן קייטל אויף איר האַרצן
איר כלה מעדאַליאָן.

און אויגן האָט מיין מאַמע, גרינע אויגן,
גראָז און זון וואָס רוט;
און אַז זי קוקט אַ מענטשן אין די אויגן,
ווערט יענעם מענטשן גוט.

א. ליעסין

# אין דער היים

איך דרעמל, און וואָר איז מיין האַרץ, און איך הער:
עס רופט אין דער נאַכט מיך ביים נאָמען דאָרט ווער.
איך כאַפּ פון די טרעפּ זיך אַרונטער אויף גיך,
דערזע איך דעם היימישן שול־הויף פאַר זיך.

דערזע איך די שול און די אַלטינקע קלויז;
איך האָב דאָ געלעבט צווישן חדר און הויז,
איך האָב דאָ די קינדערשע טרוימען געוועבט,
די פרימסטע עקסטאַזן דאָ איבערגעלעבט.

ניט לאַנג, דוכט זיך, האָב איך מיט זיי זיך צעשיידט,
איצט הער איך שוין גרויליק, מען רופט מיך: „יעמוד!"
אָט גיי איך אין שול אין דער קאַלטער אַריין,
עס געלט אין דער שטיל אַ פאַרהוילענער שיין.

ווי וויסט איז די ווייסקייט פון קהל אַרום,
אין קיטל און טלית, באַוועגלאָז און שטום!
איך זע דאָרט מיין טאַטן, זיין פיין־בלייך געזיכט
שיינט דורכזיכטיק אויף מיט אַן אינערן ליכט.

איך זע דאָרט אויך אויבן די ווייבערשע שול,
ווי ווייס פון תכריכים, געל־פנימדיק פול!
איך זע דאָרט מיין מאַמען, ווי לאַסטשעט איר בליק:
„דו קומסט נאָך פיל יאָר צו אונז, קינד מיין, צוריק.

„דו קומסט פון דער פרעמד צו דער היימישער ערד,
וואָס האָט נאָך די אור־זיידעס דיינע גענערט;
דו קומסט צו אונז רוען דיין אייביקע רו
ביים אייגן געביין, ביי מיין זייט ערגעץ־וואו.

„ווי פול דער בית עולם זאָל זיין — איז פאַראַן
אַ פּלאַץ נאָך פאַר דיר אונטער אונזער טומאַן,
און הודיען וועט איבער דיין גרוב אַזוי לינד
אין היימישע בוימלעך דער היימישער ווינט.

„דו בלייבסט שוין אויף אייביק מיט אונז אין דער היים,
און גרינג וועט דיר זיין אונזער אָרימער ליים,
און וויקט דיך דער הימל מיט טרערן פון ווי —
די היימישע בלאָטע איז ליב דאָך אַזוי".

**אברהם לעוו**

# טויטע מאַמעס

ווער ווייסט עס איצט, די ביימער צי די שטאַמען:
ווער האָט פאַרנעפּלט אָט דעם דרויסיקן אַרום?...
ס'איז איצט אַ שעה, ווען ס'קומען זיך צונויף די טויטע מאַמעס
און רינגלען מיך אַרום.

זיי בייגן איבער מיר זיך, ווי אַריבער קרבן־מנחה־סידור
און נישטערן מיין יעדער אות וואָס איך פאַרשרייב,
זיי לייענען אַרויס אויף יענע לידער, —
ווי דערנער איינגעטיפט זיי שטעקן אין מיין לייב.

זיי וויגן מיט גרויע קעפּ און טויטע שאַרבנס
און טייטלען מיט די קנאָכנדיקע הענט:
— ער איינער נאָר, ער איינער ניט געוואָלט האָט שטאַרבן
ווען מ'האָט די קינדער אונדזערע פאַרברענט...

און אין מיין פּנים קוקט אַריין, אַ יעדערע
וואָס טראָגט נאָך עטוואָס פלייש אויף איר געביין.
איך פיל אַ שוידער דורכלויפן מיין חוט־השדרה
און בלייב פאַרשטיינט.

נאָר ווען איך הויב די אויגן צום געזעמל,
פאַרנעם איך ווערטער נעפּלדיק, ווי דורך אַ טרוים –
איך הער מיין מאַמע שעפּטשעט שטיל: — אברהמל
לעב, צווייג, דו איינציקער פון אונדזער אָפּגעהאַקטן בוים! —

**א. לעיעלעס**

# מיין מאַמע

מיין מאַמעס בלאָנדקייט האָט געלויכטן אין מיין קינדיש קיניגרייך,
מיט וואַרעם דינער אומרו פון דעם לאַנדס נערוועזע טעכטער.
איך האָב מיין ערשטן שלוק מיט לופט געשלונגען ביי דעם
ווייסל־־טייך,
און יענע לופט איז היבש געמישט מיט פיכע פויליש־עכטער.

מיין מאַמעס הייס־געבאָדנקייט, כ׳געדענק זי גוט. אין שטוב,
אין גאַס
געוואָרט אויף יענעמס גרוס, אַנישט זיך אויפן אָרט באַליידיקט.
„איך קום אַרויס פון תוספות יום־טוב און געירשנט אויך
זיין כעס" —
האָט זי דערנאָך זיך מיט שטיל־שעמעוודיקן חן פאַרטיידיקט.

מיין עלטסטער ברודער אביגדור האָט דעם יחוס ווינציק אָנערקענט,
און אָפט געלאַכט: „ווי טאַקע נאָר אַ פּיעטערקאָווסקע דאַמע!"
און כאָטש כ׳האָב קוים פאַרשטאַנען, האָט אַ שטאָלץ זיך טיף
אין מיר צעברענט,
און כאָטש כ׳האָב מיטגעלאַכט, האָב איך געקוועלט אין זיך —
מיין מאַמע!

געבראַכט פיל קינדער. זיבן אויסגעהאָדעוועט אין ענגער שטוב,
און זיך אין זייער שיינקייט אָדער חכמה הייס געשפּיגלט.
געוואָרעמט האָפנונגען, און יעדע האָפענונג — איר לעבנס־קנופּ,
און יעדן קנופּ מיט טרערן אויף די קינדערס קעפּ פאַרזיגלט.

אַ אידישע משפחה — זאָמען לויזע אויף דעם ווינט צעזייט.
מיך האָט פאַרטראָגן ווייט. ניו־יאָרק האָט קיין געדולד צו בענקען.
נאָך ניינצן יאָר האָבן איך זי שיר געאירצט נאָך ערשטן קוש און רייד.

כ'האָב זיך פאַרכאַפּט — נאָר קיינמאָל וועל איך זיך איר בליק
ניִשט שענקען.

צו פינף־און־זעכציק האָט איר אויג געשימערט מילד און ריין,
און אין דער בלויער טיף האָט אַ באַדויער שטיל געהויערט.
„ווען בין איך אַלט געוואָרן? אסור צי איך ווייס און קאָן פאַרשטיין",
ווי זעכציק־פינף לבנות וואָלטן פלוצלונג זיך צעטרויערט.

„אַז ווען האָב איך געלעבט? זאָג אהרן, אפשר ווייס מען
דאָרט באַ'ן ענק?"
כ'האָב פּוסטע טרייסט נישט אָנגעטאָן אין ווערטער צי געדאַנקען.

אַ צערטלאַכקייט האָט אויפגעקוואָלט פון טיפסטעניש, די קעל
פאַרענגט —
די ליבשאַפט האָט געשטיקט, ווי קוק פון נאַנטן — טויטלאַך קראַנקען.

זי האָט נאָך דאַן געטראָגן גראַד און גרינג איר גוט־געשניצטן קאָפּ,
און לייכט איר טראָט — די לאַדזשער גאַס געשניטן פלינק,
בראַוואַדיש,
נאָר נאָך צוויי יאָר האָט מיט געצוקטן כתב און ציטערדיקן טראָפּ
מיין טאַטע מיר געשריבן: זון, פאַרגעס נישט זאָגן קדיש.

יאָסל לערנער

# מיין מאַמע האָט געלאַכט

צו שלום־עליכמס געבוירן־טאָג

מיין מאַמע איז ביי פערציק יאָר געבליבן אַן אַלמנה,
אַ גאַנצן טאָג געהאָרעוועט און ביי נאַכט געוויינט.
און איך — אַ יינגל נאָך — האָב דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען,
וואָס האָבן אירע טרערן אין די נעכט געמיינט.

ווייל מיר איז גוט געווען, איך בין געווען אַ יתום
און גאַנצע טעג געשפּילט זיך אין קאַמער־קאַמער־הויז.
אַרומגעלאָפן מיט דער חברה — אַ קאָמאַנדע — האַלע־באַסע —
מיט „ברכות״ פון די שכנים: נישט אויסצוּוואַקסן גרויס...

נאָר איך צו ביסלעך וואַקס. כאָטש ווייניק וואָס פאַרשטאַנען,
האָט עפּעס אויף מיין האַרץ געדריקט אַ שווערער גרויער שטיין,
ווייל נישט געוווּסט האָב איך מיט וואָס פאַרלייכטערן מיין מאַמען
איר שווערע האָרעוואַניע, איר זיפצן און געוויין.

ס'איז ווינטער אויף דער נאַכט... מיינע לעבערדיקע הויזן
האָט מיין מאַמע אויסגעלאַטעט, פאַרצערעוועט, פאַרריכט.
אויף די ווענט און שויבן האָט דער פראָסט געכאַוועט רויזן.
נאָר נישט פאַרגרעסערט אינעם שטיבל אונדזערן דאָס ליכט.

איך בין געזעסן ביי דער אויסגעהייצטער הרובע מיט אַ ביכל,
שלום־לעבכמס „טעפּל״ אויף אַ קול געלייענט.
מיין מאַמעס קאָפּ געהילט האָט זיך אין שוואַרצן טיכל,
נאָר די אויגן אירע האָט אַ וווּנדערלעכע שיין באַחנט.

„מיט אַ טעפּל איז צום רב אַ יידענע געקומען
אַ שאלה פרעגן און גענומען רעדן, שיטן אָן אַ סוף,
געפלאָכטן האָט די יידענע אַ מעשה מיט אַ מעשׂה,
ביז געפאַלן אין חלשות איז דער אָפּגעשוואַכטער רב״...

מיין מאַמע האָט זיך איינגעהערט און יעדער וואָרט געשלונגען,
פון איר לאַכן האָט אַרומגעטאַנצט איר שאָטן אויף דער וואַנט.
מיין מאַמע איז געוואָרן מונטערער און יינגער
און מיר אַ גלעט געגעבן מיט איר גוטער האַנט.

דער לאָמפּ האָט ליכטיקער זיין קאַרגע שיין געגאָסן,
צום פענצטער האָט געטוליעט זיך דער ווינטער־אויפדערנאַכט.
אָ, דעמאָלט איז באמת מיר גוט געווען — דעם יתום —
ווייל פאַרגעסן האָט מיין מאַמע זיך און צום ערשטן מאָל געלאַכט.

צום ערשטן מאָל אויך איז איר בעט געוואָרן ווייכער,
ווייל איינגעשלאָפן איז זי שמייכלענדיקערהייט...
איך דאַנק דיר, גרויסער פריינד, איך דאַנק דיר, שלום־עליכם,
וואָס האָסט געגעבן ביידע אונדז אַזוי פיל טרייסט און פרייד!...

חיים מאַלטינסקי

# קינדער מיינע

קינדער מיינע,
אויף אייערע ליפּן
מיין מאַמעס ליבער שמייכל שוועבט.
אין די שוואַרצאַפּלען ביי אייך,
מיט אַלע פּיסטשעווקעס
די מאַמע מיינע לעבט.
און ווען איר הייבט געשמאַק אָן
לאַכן מיט אַ מאָל,
הילכט אין געלעכטער אָפּ
מיין מאַמעס זיסער קול...

איציק מאַנגער

# מיין מאַמע

דער שבת קודש בענקט נאָך דיינע איידעלע הענט
(אין די מעשענע לייכטער אויסגעברענטע שבת ליכט)
דער טויט האָט זינט לאַנג פאַרשאָטנט דיין געזיכט,
די מאַמעס פונעם חומש טרויערן ביי די ווענט.

דאָס „גאָלדענע ציגעלע" אונטער מיין חרוב'ער וויג
בענקט די נשמה אויס נאָך דיין וויגן־ליד,
מיט געבראָכענע פליגל די „גאָלדענע פּאַווע" פליט
און טראָגט אין איר שנאָבל דאָס פאַלשע פינגערל „גליק".

נאָר גאָט איז דאָ, דער גאָט פון דיינע אויסגעוויינטע נעכט,
דו האָסט דערציילט מיר, ער איז גרויס און אומגערעכט
ווייל ער פּייניקט זיינע באַשעפענישן אויף דער ערד.

דיין גלויבן און דיינע טענה'ס קלינגען נאָך אין מיר,
ווען איך טראַכט איצט פון דיין קבר און איך טראַכט פון דיר
און צאָל דיר אָפּ די טרערן, וואָס דו האָסט געטרערט.

פרץ מאַרקיש

# די מוזע

איך געדענק ניט וואָס שפּעטער, וואָס פריער,
אויף אַ כוואַליע אין חלום פאַרשווינד איך, —
נאָר די מאַמע, — זי שטייט נעבן מיר,
ווי אַמאָל, ווי ביינאַכט, אין דער קינדהייט.
ווען זי האָט ניט געוווסט, צי איך שלאָף,
ווען זי האָט ניט געהערט, צי איך אָטעם —
און איז באָרוועס אַראָפּ און אַ לאָף,
און פון שרעק ניט געוווסט — ווי אַ טראָט טאָן.
אויף דער כוואַליע — איר בלאַסלעכע האַנט
מיט אַ צערטלעכן ריר מיט אַ מילדן ;
אָ, איך האָב זיך איר ניגון דערמאָנט,
וואָס מיט אים זי פאַרוויגט האָט די קינדער.
אַז איך קאָן ניט דעריאָגן איר קול,
אַז אַראָפּגעלאָזט ערגעץ איר בליק איז ;
נאָר זי וויגט מיך און זינגט ווי אַ מאָל
און איך — איך גיי אויס פון מתיקות.
ס'יאָגן ווינטן זיך אָן אָן אַ שיעור,
זיי באַפאַלן דאָס ליד, דאָס באַגינטע ;
נאָר די מאַמע... זי שטייט נעבן מיר,
ווי אַמאָל, ווי ביינאַכט אין דער קינדהייט...

לייב ניידוס

# מיין מאַמעשי

ווי שיין ביסטו, מאַמעשי, פרייטיק צו נאַכט,
ווען טרויעריק שטייסטו אַליין ביי די ליכטער!
דיין טרויער פאַרמאָגט אַ באַזונדערע פּראַכט,
די פּראַכט פון די יידישע טרויער־געזיכטער.

דו שטרעקסט דיינע צערטלעכע, ווייבלעכע הענט
אַריבער די שמאָלע און זילבערנע לייכטער,
און ס׳וויגט זיך ביי דיר אין די אויגן און ברענט
אין ציטר׳יקן אָפּשיין אַ וואָלקן אַ פייכטער.

אַט נידערט־אַראָפּ פון די אויגן אַ טרער
און לייכט אַזוי תמימותדיק־ריין, ווי אַ שטערן.
אַך, מאַמעשי, נאָנט איז מיר דאַן דיין באַגער,
עס ברענען מיין האַרץ דיינע הייליקע טרערן.

און דאַן, ווען עס ווייזן זיך טרערן ביי דיר,
וואָס פאַלן און קושן דעם טישטוך דעם קלאָרן,
גליט־אויף אויפן ראַנד פון די ברעמען ביי מיר
אַן איינזאַמער טראָפּן, אין ליידן געבאָרן...

ווי שיין ביסטו, מאַמעשי, פרייטיק צו נאַכט,
ווען טרויעריק בענטשסטו די ליכטער, וואָס שיינען;
עס רוט אויף דיין שטערן אַ הייליקע פּראַכט,
דער יידישער מאַמעס באַהאַלטענע פּיינען...

מאָטל סאַקציער

# די מאַמע

און ווידער, ווידער קומט מיר אויפן זין
דאָס שטעטעלעביים טייך צעקלויצעט-טריבן;
און איך דערזע ווי דורך אַ דורכזיכטיק געשפּין
די שטוב ווו אויפגעוואַקסן איך אין דחקות בין,
די היים מיינע
(צו ווייניק כ׳האָב פון איר געשריבן)

און איך דערזע מיין מאַמע,
זי קריכט אַרויס פון בעט
ווען ס׳גראַבלט ווי אַ שפּער אין שויב
דער מאָרגנשטערן;
זי האַוועט אומדערמידלעך ווי אַ מערעשקע ביז שפּעט,
און צו די זין זי קלערט, וואָס פון די ווייטע שטעט
אַלץ זעלטענער זיי לאָזן פון זיך הערן...

די יינגלעך אירע — אין דער גרויסער וועלט
פאַרפירט האָט זיי ניט פון גאָלדזוכער דאָס פיבער;
געוועזן פון שענסטן חלום זענען זיי באַזעלט,
דערפאַר מיט לייב איר שוואַכן ניט פאַרשטעלט
זייער וועג, ווען זיי די שוועל זענען אַריבער.

וואָלטן איר אַ בריוו אַ ביסל אָפטער נאָר
פון וואָגל-פרעמד געשיקט די היצקעפּ ביידע...
זיין פאַווע גאָלדענע געפונען האָט דער בכור?
דער צווייטער מיט דער פרייד
פון זיין אַנטפּלעקטער וואָר,
צי גייט ער ניט אַליין אַקעגן זיין עקידה?

זי האָט געוווּסט: זיי טראָגן אין געמיט
די שטרעבונגען צו גוטס, פון גוטס דעם זאָמען,
ווי דער טאַטע אויך, דער אברך משי־ייד,
און זיכער ז'איז געווען: ס'וועט קיין מאָל ניט
פאַרשעמט ווערן פון זיי זיין גוטער נאָמען...

זי האָט געוווּסט: זיי האָבן אויך פון איר
געכאַפּט אַ סך, צו איר זיי זענען ענלעך
אין אויסדויער,
אין שטאָלץ,
אין לעבנסגיר,
און קומען אויב עס וועט אַן אומגליק צו דער טיר,
ווי זי זיי וועלן ווערדיק זיין און מענלעך...

אַ ים זי האָט אין זיך געטראָגן מיט געדולד,
די מוטער־צאַרטע האָפענונג ניט אויפגעגעבן;
און ניט אין זיי זי האָט געזען די שולד
וואָס ניט געוואָרן ס'איז איר האָפענונג דערפולט...
און ווען איר וואָלט באַשערט געווען דערלעבן
דעם אומקער זייערן פון ווירבל וואָס געדרייט,
פון עלנט, פּיין,
פון ניט געוואָלטער איבערלעבונג,
וואָלט זי אַרויס צו זיי אין אָפּגעניצטן קלייד
און צו איר דאַרער ברוסט, אַזוי ווי קליינערהייט
געטוליעט זיי
אָ, ניין, אָן שאַרפע מוסר־רייד,
נאָר מוטערלעך, מיט ליבשאַפט און פאַרגעבונג...

**אברהם סוצקעווער**

# מיין מאַמע

א

עס וואָרקעט אַ פרייטיק צו נאַכטס אויף אַ בוידעם,
צוקסט ביי דער שיין פון לבנה אין סידור.
עס דאַווענען די שפּיצן ביי דיר פון דער לאַטע
און צוקן ווי טיילן פון מענטשישע גלידער.

עס טריפט מיט לבנה פון דיינע שוואַרצאַפּלען,
די מאַמישע טראָפּנס באַלויכטן מיין גלויבן.
דיין תּפילה דערמאָנט מיר אָן וואַרעמע חלה,
דו קאָרמעסט מיט האַרציקער תּפילה די טויבן.

אין יעדער דיין קנייטש איז באַהאַלטן מיין לעבן,
איך הער ווי דו הוסט און דו ציטערסט, אַז קיינער
דעם הויך זאָל ניט הערן — ווייל דאָ, אין אַ ווינקל,
פאַרשאָטן מיט ערד, ליגן אויך מיינע ביינער.

עס דרעמלט דיין האַנט אויף מיין שטערן: זיי רויק,
אַ טאָג אָדער צוויי די ישועה — אַ גיכע.
דיין אַנדערע — האַלטסטו ביי מיר אויפן אויער,
איך זאָל ניט דערהערן די שטים פון רציחה.

ב

ווערסט מיך ניט נאַרן: איך ווייס דו ביסט טויט.
כאָטש דו לעבסט אין מיין חלום. וואָס ברענען
אין דיין האַרצן דריי רויזן אין שאַרלאַכן רויט?
פאַרשטעל ניט.
איך ווייס ווער דאָס זענען!

פאַרשטעל זיי ניט, מאַמע, וואָס נאַרסטו דיין קינד,
ווי קומען דאָ רויזן צעבליטע?
איך זע דאָך דריי פורפורנע קוילן אַצינד:
אַן ערשטע, אַ צווייטע, אַ דריטע.

ג

צימבלט, איר צימבלען,
דערפרייט אַ געלעבטער, פאַרטויבט אַ געשריי.
דורך פעלדער
איצט יאָגט מען מיין נאַקעטער מאַמען,
איר לייב איז אַ שטראַל אין די שפיגלען פון שניי,

און זי, ווי צום אויסלייז,
יאָגט ערגעץ גיך, גיך
און דורך דער פאַרפרוירענער טרער, ווו די זון גליט
געפאַנגען אויף אייביק, דערזעט זי איצט מיך.

און צווישן איר ווידוי
שיקט זי אַריבער אַ בענטשונג דעם זון.
עס קנאַלן די ביקסן.
זי פאַלט ווי אַ טויב אויפן טראָן פון דער זון.

ד

און ווו בין איך געווען,
בעת אונטער צימבלען
האָט מען דיך געשלעפּט צום עשאַפאָט?
— אין הינטישער בודע פאַרגראָבן ס׳געביין,
מיט הינטישער פרייד וואָס פאַרשילט זיך אַליין,
אויף ליפּן — אַ פּיאַווקע,
אין אויער — אַ שפּין,
האָב איך געלוגט דורך אַ שפּעלטל אַהין,

ווּ אונטער לבנה, וואָס שפּיגלט דער נאַכט,
שפּילט זיך דער ווינט מיטן פּערלנעם שניי.
און די שנייען־קאַפּעליע,
ס׳געהיימע געדריי
אויפן פּאָן פון לבנה —
פון וואַנען די פּראַכט?
ס׳האָט איטלעכער פּערעלע שניי זיך געשפּילט
מיט זיין אייגענעם שאָטן, און מיר האָט דאָס בילד
פאַרשאַפט אַזאַ תענוג,
אַז כ׳האָב אזש געבילט — — —

ה

לייכטן מיר דריי קוילן אין דער נאַכט,
לויף איך זיי צום אויסלייזן פון שאָטן.
קום איך צו אַ געלן טויער מיט אַ שילד באַוואַכט:
„אַכטונג! דאָ איז קרעץ. פאַר ניט־יידן — פאַרבאָטן!"

בייס איך דורך די שטיינער מיט די ציין
און פאַרן ליכט פון אויסגעזעצטע שויבן־ווייסלען זע איך:
די הייזער — אָן נשמות. כ׳בין אַליין.
די גאַסן — אַ פאַרלאָשענער מזבח.

האָב איך מורא אָנצוזען דיין שויב,
אָטעמט מיט דיין גסיסה יעדער שטאָפּל.
זוך איך מיטן מויל דיין מינדסטן שטויב,
פיל איך דיך אין ווינטישן געצאַפּל.

פאַל איך צו אַ שטיינערדיקער שוועל:
— מאַמע, איך בין דאָ צוריק, זאָלסט וויסן!
און די קוילן ווייטיקדיק און העל
ברענען אין דעם אומרו פון געוויסן.

ו

זוך איך די ליבע פיר ווענט,
ווו דו האָסט געאָטעמט,

שווינדלען די טרעפּ אונטער מיר
ווי אַ וואַסערגרוב קאַביק.

דערטאַפּ איך די קליאַמקע און רייס
די טיר צו דיין לעבן,

דאַכט מיר: אַ פייגעלע וויינט
אין שטייג פון די פינגער.

קום איך אין צימער אַריין
ווו ס׳טונקלט דיין חלום —

צאַנקט נאָך דאָס לעמפּעלע קוים,
וואָס דו האָסט געצונדן.

שטייט אויפן טיש אַ גלאָז טיי, —
ניט באַוויזן דערזופּן,

צאַפּלען נאָך פינגער אַרום
אויף די זילבערנע ראַנדן.

בעט רחמים דאָס צינגעלע ליכט
אין צוקיקן לעמפּל —

דערגיס איך אין לעמפּל מיין בלוט
ס׳זאָל ניט אויפהערן לייכטן.

ז

כ׳געפין אַנשטאָט דיך אַ צעריסנס דיין העמד,
נעם איך צום האַרצן און דריק עס פאַרשעמט.
עס ווערן די לעבער פון העמד מיינע טעג
און דער זוים פונעם העמד ווערט אין האַרץ מיר אַ זעג.

צערייס איך פון ליב מיינע קליידער און קריך
אין דיין אָפענעם נאַקעטן העמד ווי אין זיך.
ס׳איז מער ניט קיין העמד, ס׳איז דיין ליכטיקע הויט,
ס׳איז דיין קאַלטער, דיין איבערגעבליבענער טויט.

ח

רעדסטו צו מיר
אַזוי וואָרהאַפטיק עכט:
— ניטע, מיין קינד,
ס׳איז אַ זינד, ס׳איז אַ זינד,
און אונדזער צעטיילונג
נעם אָן פאַר גערעכט.

אַז דו ביסט פאַראַן,
בין איך דאָ סיי־ווי־סיי,
ווי דער יאָדער אין פלוים
פאַרמאָגט שוין דעם בוים
און די נעסט און דעם פויגל
און אַלץ וואָס דערביי.

**ווילנער געטאָ אָקטאָבער 1942**

י. י. סיגאַל

# צו מיין מאַמען

מאַמע, מאַמע, ווי עס איז האָט זיך דיין זון
אַ האַלבן לעבן באַלד שוין דורכגעשלאָגן,
און גרייט זיך אויף אַן אמתן צום אייביק־רוען
און אויסשפּאַנען זיך פונם שווערן פּוסטן וואָגן.

מיט מערער ווי אַ האַלבע שטאָט זיך אָפּגעקריגט,
און איצטער גיי איך זיך מיט יעדן איבערבעטן.
פאַר די בייזוויליקע שטיי איך שפּל און דערדריקט,
און פון די טפּשים לאָז איך זיך אַביסל טרעטן.

זיי זיינעןביידע שלעכט; נאָך שלעכטער ווי מען מיינט,
און קליינלאַך — ווען מען שטייט פאַר זיי געבויגן.
כאָטש אַלט־שוין, איינגעפאַלענע מאָרדעס, פוילע ציין
און טויטער שאָטן אין די שפּינוועבדיקע אויגן, —

טוט זיי הנאה, ווען מען קלאַפּט צו זיי אין טיר,
די שנאה שמייכלט דורך די ווילע ווערטער,
וואָס מער זיי זעען פרידלאַכע הכנעה איבער דיר,
קוועלט זייער גלייכגילט אויף דיין לעבן דיין צושטערטן.

נאָר מיר איז גאָרנישט נישט צושטערט, פאַרקערט, פאַרקערט,
אַ סך צובראָכנקייט איז אין מיר גאַנצגעוואָרן.
פון גאָרן גרויסן טרויער אויף דערדאָזיקער ערד
בלייבט אַלץ נאָך עפּעס ליכטיק לייכטן אין זיכרון.

איך ווייס: דער טויט פֿאַרלעשט אַלצדינג, אַלצדינג,
דאָס אויג און דעם געדאַנק און יעדן ליכטיקן אבר.
סײַווי צאַנקט אַלץ שוין לאַנג אין מיר, עס וועט דעם טויט זײַן גרינג
מיך אויסלעשן און מיך אַראָפּפֿירן אין קבר.

ער וועט מיך אויף די אָרעמס נעמען, כ'שעם זיך ניט,
איך האָב עד היום זיך נאָך קינדעריש ליב צו אינגלען.
ווער ס'איז נאָר ברודעריש אַרײַנגעגאַנגען אין מײַן ליד
האָט ער דערזען דורך אַלע אומעטן מײַן יונגשאַפֿט פֿינקלען.

און ווידער — האָט מײַן עלנט מיך אַרומגעטעסלט דיך,
די בלודנע אײַנזאַמקייט, דעם שרעק פֿאַר אַזאַ פֿרעמד אַרום מיר,
און אויב דער וואָגלצייכן האָט מײַן אויג געבלענדט, געגליט: וווּהין?
נעמט מיך אַרום אַזאַ מין טרייסטנדיקע זיכערקייט אַ פֿרומע,

און כ'זע דיך איצטער ווי כ'האָב תּמיד דיך געזען,
און כ'ווייס: אויך דאָרטן ווינסטו אין אַן אָרימער כאַטע.
און ס'אײנציקע — דער נס וואָס דיר איז דאָרט געשען —
דאָס זיך באַגעגענען אין ליבשאַפֿט מיטן גוטן טאַטן.

פֿאַרנאַכט קומט ער געוויס פֿון שולעכל צוגיין,
וואַשט זיך די הענט, זעצט זיך צום טיש אַנידער.
און אויפֿן פּאָליצע אַנטקעקן צוגעראַמט און ריין
דעם טאַטנס חומש און דער מחזור און דער סידור.

מיר האָבן זיי מיט זיך געהאַט ווען ער איז אַוועק,
איצט זײַנען זיי ווידער דאָ — מיר זײַנען אַלע שוין צוזאַמען.
און אויפֿן וואַנט בײַם פֿענסטער זעט זיך נאָך דער גראָער פֿלעק,
און דו ביזט אַלץ דיזעלביקע, די שטילע קליינע מאַמע.

ד. ספאַרד

# שבעה

טרערן פון אַ מאַמען שטייגן
צו די העכסטע רוימען —
צו די טיפסטע תּהומען
גרייכט אַ טאַטנס שווייגן.

פאַראַנען ווערטער וואָס דערהייבן,
פאַראַנען ווערטער פון באַדויער —
אַ טאַטע־מאַמעס טרויער
קאָנען זיי קיין טרייסט נישט געבן.

אַלע שטאַרבן אָפּ אין האַרצן
גלייך שוין פון געבוירן
און זיי גייען ווי פאַרלוירן
אין אבלות שוואַרצער.

י. פּאַפּיערניקאָוו

## דער מאַמענס זאָרג

די מאַמע זאָרגט זיך איבער מיר:
צי האָט ער דאָרט, דער זון, אין ווייטער פרעמד,
כאָטש ברויט צו זעט,
אַ שטוב, אַ בעט
און אויפן לייב — אַ העמד?!...
און איך דאָ, טראַכט: אַז, וואויל און גוט איז מיר,
וואָס כ׳בין אַרויס
פון טאַטע־מאַמעס הויז
פון נויט;
אַרויס, ווי פון אַ בראַנד —
געפינען לאַנד
און ברויט
פון נישט קיין אויסגעשטרעקטער האַנט.
און איך דאָ טראַכט: אַז, וואויל און גוט איז מיר,
כאָטש כ׳האָב נאָך ווייט נישט, ס׳נויטיקסטע אַליין;
דערמאָן איך זיך ביים עסן אָן דער מאַמען —
איז מיר יעדער ביסן ברויט — אַ שטיין.

יעקב פרידמאַן

## וויין, וויין, מײַן קינד

טאַנצט אַ לייב,
געגלידערט פון פלאַמען,
זיין קול איז אַ פלייט,
וואָס ווײנט צו דער מאַמען.

איז ווער איז דאָ לייב,
און ווער איז דאָ קינד?
ס׳איז איין זעל און איין לייב,
און אַן איינציק געזינד.

ס׳איז איך און דו
און זי און ער,
אַן איינציק געוואָי
און אַן איינציקע טרער.

און די טרער, אין מיין אויג,
שטייט אַליין.
זי איז מיין און דיין און זיין,
און זי איז יעדנס געוויין.

ב

פאַר וואָס ווײנט די וועלט
אַזאַ גרויס געוויין?
ווייל זי האָט נישט קיין מאַמע
און האָט נישט קיין היים,

און ווייל די זון איז אַ קאָפּ
פון אַ גאָט, ווען
אַ צווייטער גאָט
האָט געלאָזט
לעבעדיק פֿאַרברענען...

איז געקומען אַ גאָט אַ דריטער, און דעם צווייטן,
אַ נאַקעטן, צום הימל געבונדן
און זיינע אברים פון אַלע פיר זייטן,
ווי שטערן אָנגעצונדן.

איז נישט פֿאַראַן מער קיין גואל, באַפרייער?
ווײן, ווײן, מיין קינד.
דאָס גרויסע געטער־הויז־געזינד
שרייט אַרויס פונעם פייער:
העלף!
העלף!
העלף!

און סע וויינען די לעמער
און סע וויינען די וועלף.
סאַראַ ווײ
און ווינד
און געוויין.
ס׳האָט די וועלט נישט קיין מאַמע
און ס׳האָט נישט קיין היים.

אהרן צייטלין

## ביי דער מאַמען אויבן

איז אַ מענטש חדשים געלעגן אין אַ בעט.
קום איך און איך זע: ליידיק איז דאָס בעט
ווי אין האַרבסט אַ נעסט.
ווו זשע איז דער מענטש?

זאָגט מען: ער איז טויט. אָבער וואָס איז טויט?
מענטש איז דאָך אַ יש, טויט איז נאָר אַ וואָרט.
ווו זשע איז דער מענטש?
ווו זשע איז ער פּאָרט?

גיי איך אויפן גאַס. גייט מיט מיר מיין קלער:
איז אַ מענטש חדשים געלעגן אין אַ בעט,
און דאָס בעט איז לער —
ווו זשע איז דער מענטש?

זע איך פּאַר אַ הויז אַ קינדער־וועגל שטיין.
איז דאָס וועגל ליידיק. ווו זשע איז דאָס קינד?
ווו זשע איז דאָס קינד?

הער איך פון אויבן, פון אַ פענצטער, קלינגט
ס׳קול׳כל פון דעם קינד. אויבן אין דער הויך
האַלט די מאַמע אים — איז דאָס וועגל פּוסט.
אויבן איז דאָס קינד.

גיי איך אויפן גאַס און ס׳גייט מיט מיר מיין קלער:
ס׳האָט די וועלט אַ מאַמע — קומט זי, נעמט אַרויס

פון זיין בעט אַ מענטש און ברענגט אים אין איר הויז.
איז דאָס וועגל לער, ווייל ס׳קינד איז אין דער הויך,
און דאָס בעט איז ליידיק, ווייל דער מענטש איז אויף
ערגעץ ביי דער מאַמען, ערגעץ אין דער הויך.

ל. קאַלושינער

## ביים יאָרצייט־ליכט

**(סאָנעט)**

מיט פליגלען פון אַן אָדלער און מיט אויגן פלאַמיק אין דער נאַכט,
ביסטו געקומען מיט אַ ווינט צורייטן אויף אַ שוואַרצן פערד;
— פאַרלאָשן פון מיין מאַמע, ניט דערבליטער לעבן אויף דער ערד,
און מער צעעפנט נאָך פאַר מיר, די פרעמד צו גיין פון פיין באַוואַכט.

איז גוט וואָס קומסט צו מיר, מיט פלעמלער ליכט צו גאַסט איעדן יאָר,
דעם טאָג פון טרויער צו באַהעלן כאָטש מיין הויז מיט בלייכער שיין;
ווערט נאָגנדיק די בענקעניש וואָס קומט צו מיר אין האַרץ אַריין;
— פון קוקן ווי ס׳גייט אויף פאַר מיר איצט דיין נשמה אַזוי קלאָר.

ניט אויסגעמעקט אין מיין זכרון איז ביי מיר אויך דיין געשטאַלט,
וואָס ליכטיקט פאַר מיין בליק נאָר ווי אַ שטערן פאַר מיין אָוונט טראָט,
ווי כ׳זע דיך שטיין ביים פלעמל דאָ מיט שבת, ווי געבענטשט פון גאָט,

און מעג דיין ברכה נאָכגיין מיר אין וועג ווי אַ געזאַנג אין וואַלד;
— מיין לעבן זאָל ווי די לבנה אין אַ ברונעם שיינען העל;
— איז שווער מיר צו פאַרמעקן צער וואָס האַלט זיך אויף נאָר
אין מיין זעל.

רחל ה. קאָרן

# מיַין מאַמען

אַנשטאָט אַ מצבה אויף איר אומבאַקאַנטן קבר

זינט דו ביסט מער נישטאָ, בין איך געוואָרן המשך
פון אַלע דיינע נאָך נישט אויסגעלעבטע טעג,
און דו ביסט אַזוי שטיל אין מיר אַריינגעפלאָסן,
גלייך כ'וואָלט געווען פון לאַנג פאַר טרוים דיינעם דער ברעג.

און כ'בין איצט קליגער און באַשיידענער, מיין מאַמע,
גלייך כ'וואָלט דעם גאַנצן האַרבסט אין זיך אַריינגענומען
און דורך דעם בלעטערפאַל פון מיינע מידע טעג
זיך איינגעהאָרכט אין לייד, וואָס דאַרף צו מיר נאָך קומען.

איך ווייס שוין, אַז פון אַלע רייזעס צו דעם גליק
דאַרף מען זיך אומקערן צוריק צו ערשטער קינדער־טרער,
ווי צו אַן אייגענער שוועל, דאָרט ערגעץ, צווישן חורבות,
וואָס וואַרט נאָך אַלץ געטריי, יוען ס'וואַרט שוין קיינער מער.

און כ'ווייס שוין, אַז צוליב דער קאַרגשאַפט פונעם האַרץ,
ווען עמעץ וואַרט אומזיסט אויף בליק, אויף וואָרט, אויף קלאַנג,
בלייבט מען שטיין ביי דעם ראַנד פון דער אייגענער נאַכט,
ווי אין מיטן פון זומער אַליידיקע זאַנג.

איך ווייס שוין, אַז דאָס וואָרט איז בלויז אַ שטילע שפור,
די שפור נאָך טעותן, וואָס אָדערן זיך איין
אין רויערד פונעם זיין — און ס'איז מיין וואָרט אַ זיווג,
דער זיווג, וואָס פאַרבינדט מיך מיט דער מינדסטער שיין.

כ׳ווייס שוין אַ סך, אַ סך גלייך דורך די פאַלדן ערד
וואָלטסט אָנגערירט מיין קאָפּ מיט דיינע שטילע הענט;
נאָר ס׳שטייט נאָך אַלץ מיין וויסן אָרעם און פאַרשעמט
פאַר אָט דער פשטות, וואָס דו האָסט דורך זיך אַליין דערקענט.

עס איז נאָר דיר געווען באַשערט די חכמה פונעם האַרץ
דערפירן אַזוי גאַנץ צום ראַנד פון אייגענע ליפּן,
אַז ווערן זאָל דאָס וואָרט, ווי היים, ווי טעגלעך ברויט,
פאַר יעדן, וועמען ס׳האָט די ליבע אויסגעמיטן.

נאָר דיר איז עס געווען באַוויליקט, מאַמע מיינע,
זיך אָנפאַרטרויען אַזוי גאַנץ דער אייג׳נער, שטילער טרער,
זי זאָל דיך צופירן צום סאַמע אָנהויב צער,
וואָס קען פון זיך אַליין שוין נישט אַנטרינען מער.

און בלויז ביי דיר, האָט עס געקענט געשען,
אַז דער קרייז פון דיין בליק, ווי אַ דאַך, ווי אַ וואַנט,
זאָל אַרומנעמען אַלץ, וואָס איז איינזאַם און הפקר:
פון קראַנקער שוואַלב, ביז אַ פאַרשעמטער, אויסגעשטרעקטער האַנט.

פון אַלע רייזעס צו דעם גליק, קער איך זיך אום צוריק
צום סאַמע טיפסטן, לעצטן אור־זין פונעם לייד,
און צו דער גרויסער תמימות פון דיין ליבשאַפט,
וואָס איז שטאַרקער פון טויט און אייג׳נער איינזאַמקייט.

מ. ראַוויטש

# די משפּחה ראַוויטש

און אַז דו ביזט יונג געווען,
מוטער מיינע;
ווער קאָן דאָס פאַרשטיין, פאַרוואָס דו ביזט מיין מוטער,
דו, און נישט קיין אַנדערע פרוי,
און פאַרוואָס ס׳איז אַזאַ ווילדער צער
דיך צו דערמאָנען.
און צו געדענקען יענע נעכט אָן שלאָף,
ווען דער צער פון קינדער־האָבן האָט אין דיין לייב געשטויסן,
און ווען דער שריי פלעגט גיין דורך אַלע העלבאַלויכטענע שטיבער,
ווו דאָס הויז־געזינד פלעגט וואַך־זיין וואַרטנדיק פול שרעק.
די האַלבע שטאָט איז אויף־געווען, און דריי דאָקטוירים,
און די ניינציק־יאָרן־אַלטע באָבע שיינדל.
און אַז פאַרטאָג האָט דער רב געקלאַפּט צום בעלזער אַ דעפּעשע:
הינדע בת בלימה געווינט, בעט רחמים!
האָט שוין באַלד געוויינט אָן אַ סוף
מיט דיר אין קימפּעט אונדזער דריטער ברודער.
מזל־טוב!
ווער פאַרשטייט דאָס מזל פון אַ נייגעבוירן קינד,
וואָס וואַקסט פונאַנדער ווי אַ זונבלום אין דער זון,
פריי צו אַלע ווינטן און צו אַלע נעכט.
היינט זענען מיר שוין גרויס,
אַלע דריי,
מיט מזלות אַלערליי,
ווער אויף דער ערד, ווער אונטער דער ערד.
מוטער,
דורך דיינע האָר גלאַנצט עס היינט ווייס,
אַ יעדע פון זיי איז אַ סימן

פון אַ נאַכט פול צער־וואַרטן
אויף אַ ווייסן טאָג אין פענסטער.
ווידער איז נאַכט,
איך קען דיך,
ביי אַ פענסטער שטייסטו שטאַר;
ווי אַ שוואַלב שלאָגט אָן זיך אָן דער שויב דער געפאַנגענער צער,
אויף די פענסטער טריפט דער אָסיען קאַלט,
אַרום די קוימענס פון אָפגעברענטע הייזער וואָיעט, ווי אַן
איינזאַמער הונט
דער שטעטלדיקער ווינט.
דער טאַטע איז אַלט, מיד, זאָגט ער:
— הינדזיע גיי שוין שלאָפן, גיי דאַרפסט דאָך אויפשטיין פרי.
גייט ער פרווון, צי די טירן זענען צו
און פאַרלעשט די ליכט.
און נאָר אַן אָפגעריסן בלעכשטיק קאַלפּט אין דאַך
אַלע עטלעכע מינוט.
ווי דעם גרויסן זייגערס פון דער שרעק פון דער גאַנצער וועלט
איז דאָס קלאַפּן,
און ווילד לויפט אום אין שטוב דעם טאַטנס מידע, ערשטע בראַפען.
מיר אָבער, די זין, די דערוואַקסענע
וואָגלען אויף דער ווייטער וועלט:
ווער אויף דער ערד, ווער אונטער דער ערד.

חוה ראָזענפֿאַרב

# אַ קלייד פֿאַר מיין קינד

איך וואָלט דיר אויפגענייט אַ קלייד, מיין קינד,
פון לויטערער, טיולענער פרייד
און וואָלט דיין קאָפּ באַצירט מיט אַ הוט
פון צעשמייכלטן, זוניקן זייד.

איך וואָלט דיר אָנגעטאָן אַ פּאָר פּאַנטאָפל
פון דורכזיכטיקן, שוועבנדיקן גלאָז
און וואָלט דיך אַרויסגעלאָזן פון מיין טיר
מיט בוקעטן פון צוזאָג, פון גרין און פון ראָז.

איז אָבער דרויסן אַזוי קאַלט, מיין קינד,
און ס'לויערט אויף דיר דרויסן אַ הפקרער ווינט.
ער וועט צעפליקן דאָס טיולענע קליידל פון פרייד,
באַכליאַפּעט וועט ווערן דיין היטל פון זוניקער זייד.

צעשפּליטערן וועלן די שיכלעך פון דינינקן גלאָז,
אין בלאָטע וועט ליגן דער צוזאָג פון גרין און פון ראָז.
שוין הער איך פון ווייטן דיין הילפלאָז, דיין קינדיש געוויין:
— מאַמעלע, לאָז מיך ניט איבער אַליין!

וואָלט איך דיר אויפגענייט אַ קלייד, מיין קינד
פון מיין אייגענעם טונקעלן צער
און דיר איבערגעניצעוועט מיין הוט פון דערפאַרונג
צו באַשירעמען דיך פון דער געפאַר.

וואָלט איך דיר אָנגעטאָן מיינע אייגענע שיך,
געקאָוועטע מיט נעגל פון שטעכיקן פיין,

און וואָלט דיך אַרויסגעלאָזן פון מיין טיר
מיט אַ טאַשלאָמפּ פון חכמה, פון וויסנדיקן שיין.

איז אָבער דרויסן אַזוי קאַלט, מיין קינד,
און ס׳לויערט אויף דיר אַ הפקרער ווינט.
ער וועט צעפליקן דאָס פאַלדיקע קלייד פון מיין צער,
אַנטבלויזן דיין בוזעם פאַר פחד, דיין קאָפּ פאַר געפאַר.

און זינקען וועלן די נעגליקע שיך אין אַ זומפּיקער נעץ.
דער טאַשלאָמפּ פון חכמה וועט ווערן דאָס אויג פון אַ לץ...
שוין הער איך פון ווייטן דיין הילפלאָז, דיין קינדיש געוויין:
— מאַמעלע, לאָז מיך ניט איבער אַליין!

אַזאַ שלימזלדיקע נייטאָרין דיין מאַמע,
קען קיין קלייד ניט נייען פאַר זײַער קינד.
שטעכט און שטעכט און צעבלוטיקט בלויז איר אייגענע נשמה
און איר קאָפּ פאַרנאַרישט און איר אויג פאַרבלינדט.

אָ, אַלץ וואָס כ׳קען דיר אויפשטעבן, מיין ליבטיק, גאָלדן קינד,
איז אַ לייוונטהעמד פון ליבשאַפט, גאָר ניט מער.
אַלץ וואָס כ׳קען דיר מיטגעבן — איז ברכות
אין אַ הייסער שאָל פון מיינער אַ טרער.

און לאָזן אין דרויסן, קינד, מוז איך דיך לאָזן אַליין.
אפשר אין העמדלעך פון ליבע איז לייכטער צו לערנען זיך גיין.
זיץ איך און שטעך און איך שטעך צווישן שטוביקע ווענט
און ס׳פּלאַטערט אין מיר דאָס האַרץ און ס׳ציטערן ביי מיר
די הענט.

שלמה רויטמאַן

# דער מאַמעס וויגליד

פאָלקסמאָטיוו

דער מאַמען מיט ליבשאַפט

דער מאַמעס וויגליד קען איך ניט פאַרגעסן,
וואָס זאָל איך טאָן, איך קען זי ניט פאַרגעסן,
אַ טייער קול איז ביי מיין וויג געזעסן
און האָט מיין האַרץ געלערנט גיין אין סטרי פון ניגון,
וועט אָן איר וויגליד דאָך מיין האַרץ זיך אויפהערן צו וויגן.

דער מאַמעס וויגליד קען איך ניט פאַרגעסן,
איך קען זי אין מיין לעבן ניט פאַרגעסן:
אַ זוניק ווינטעלע איז אויף מיין ברוסט געזעסן
און האָט מיין אָטעם ווייען וואַרעם אויסגעלערנט,
קען אָן איר וויגליד דאָך מיין אָטעם אויסגעקילט מיר ווערן

דער מאַמעס וויגליד קען איך ניט פאַרגעסן,
איך קען זי ווי מיין נאָמען ניט פאַרגעסן:
אַ קלאָרע ציג איז אויף מיין קישעלע געזעסן,
דערציילט די וועלט איז ווייס, אויף מוטער־מילך געזויגן,
וועט אָן איר ליד דאָך אויסרינען די שיין פון מיינע אויגן.

דער מאַמעס וויגליד קען איך ניט פאַרגעסן,
איך קען ווי אין מיין היים זי ניט פאַרגעסן:
אַ פאַווע גאָלדיק איז צוקאָפּנס מיר געזעסן,
פאַרפיקט אין מח מיר דעם טרוים פון גליק און גינען,
קען אָן איר וויגליד ווי זיך דעמאָלט אייגענען מיין זינען?

דער מאַמעס וויגליד קען איך ניט פאַרגעסן,
וואָס זאָל איך טאָן, איך קען זי ניט פאַרגעסן,
איך בין אין איר ווי אין מיין וויגעלע געזעסן,
איר גרויסער ניגון ווערט דאָך קיינמאָל ניט פאַרענדיקט,
דער מאַמס וויגליד — זי איז דאָך מיין אָנהויב שוין אויף שטענדיק.

**יעקב צבי שאַרגעל**

# אַ מאַמע

אַ ווינט לויפט אַריין אין די פאַנעז,
טוט אַ שיט פולע פליגל מיט שטויב.
ווו בין איך? — פרעגט אַ שטראַל פאַרלוירן
און בלייבט שטעקן אין בוימישער קרוין

אַ לוויה שניידט־דורך די לאַנגע גאַס,
טשאַטעס קראָען שלינגען הונגעריק די הייכן.
ווו בין איך? פרעגט אַ מאַמע ביי די וועגן
און איר טרויער אַלע שוועלן וויל דערגרייכן.

זי גייט אַליין מיט טויזנטער באַגלייטער,
גלעט דעם חלום וואָס וועבט איר אַ פאַראַכטאָגן,
וואָס טוט זי דאָ אין אַ געגנט אַזאַ ווייטער? —
דער אָרום הערט נישט אויף דאָ צו קלאָגן.

אָט דערגרייכט זי און קלאַפּט־אָן אין אַ טיר,
רחמים־לייט, — ווען נעמט איז ער אָט דער אָרון?
אָ, ענטפערט נישט, כ׳וועל במילא מער נישט פרעגן
מיין רן האָט נאָך פיל יונגע יאָרן.

און ער וועט קומען אַהיים, ער וועט קומען,
עס רופט דאָך אים די מאַמע און דער בוים.
ער וועט מיידן די סכנות וואָס דאָרט לויערן
וועט קומען אָנצופליען ווי אַ טרוים.

קניט פאַר איר די שטאָט ביים ים,
אין די פאָנען אַריין איז אַ ווינט.
זי גייט מיט באַלייט אַרויס איר פאַרמעג
און איר חלום אין ים אַריין רינט.

משה שולשטיין

## מיין מאַמעס פּנים...

מיין מאַמעס פּנים איז באַלויכטן ווי פון שריפות.
זי שיינט, נאָר נישט פון נחת, נישט פון גליק.
זי בלאָזט די פייערקוילן פונעם דרייפוס.
אָט צינדן זיי זיך אָן, אָט לעשן זיך צוריק.

די מאַמע בלאָזט אַריין אין זיי איר אָטעם
און יעדער בלאָז פאַרגייט זיך אין אַ קרעכץ.
אָט כאַפּט זיך אָן דער פלאַם. די מאַמע האָט אים
פאַרלאָקערט שוין צום אָרעמען געקעכטס.

פון פייער איז איר פּנים פייערלעך און הייליק.
כ׳צעשטער די הייליקייט מיט מיין „האַם־האַם״.
די מאַמע ענטפערט: כאַפּ זיך אָן ביים בייליק
ביז בעסער וועט זיך אָנכאַפּן דער פלאַם.

זי בלאָזט אויפסניי און בלאָזט אויפסיינייער,
די כוחות בלאָזט זי שיר פון זיך אַרויס,
ביז ליכטיקער און גרעסער ווערט דאָס פייער
און ס׳טעפל זינגט אַ שיינעם ניגון אויס.

דער שוואַרצער קוימען פלוצים ווערט אַ היכל,
אין טעפל זידט מיין מאַמעס הייסע טרער,
און אויף איר פּנים אויפגיין כ׳זע אַ שמייכל
און פונעם פלאַם נאָך שיינט עס איצטער מער.

יעקב שטערנבערג

# מיין מאַמע

1

איך דערמאָן זיך אין מיין מאַמע תמימותדיקער, פּשוטער, וואָס האָט
ביכער ניט געלייענט כמעט, נאָר י. ל. פּרץ גראָד —
פּרץ, אָט דער שווערסטער שרייבער פון זיין דור, —
ער פאַר איר געווען איז נויטווענדיק, פאַרשטענדלעך, קלאָר,
ער פאַר איר געווען איז ווונדער־מעשׂה, תּורה און געזאַנג...
כ׳פלעג מיין מאַמען לייענען פּרצן באַשטענדיק, ווען זי איז
געלעגן קראַנק.

2

כ׳קאָן שווערן, ס׳איז אַ חלום.
כ׳קאָן שווערן, עס איז וואָר.
מיין מאַמע עליה השלום
זעצט זיך אויף מיין בעט.
און, ווי אַ לעבעדיקע רעדט
צו מיר: „וואָס קרעכצסטו אַזוי, מיין זון?
וואָס קענסטו ניט אַנטשלאָפן ווערן אַזוי לאַנג?
צי ביסטו ניט, חלילה, קראַנק?
וואָס טוט דיר וויי דער קאָפּ?"
„ניין, מאַמע — ענטפער איך איר —
ניט דער קאָפּ, נאָר דער געדאַנק"...

אריה שמרי

# מאַמע

## א

די איינע, די ערשטע
באַטעמעריין פון מיינע ליפּן
פאַרזייערין פון מיינע ערשטע רייד, —
צו דיר טראָג איך אין שטומעניש אַ חוב,
נאָר ווי צוריק פאַרקניפּן
וואָס צעריסן און צעשיידט,
וואָס זאָגן דיר אַצינד ?

פאַרשפּעטיקט האָט דיין קינד.
ווען דו האָסט נאָך געזאַפּטיקט און געזעטיקט
מיט דיינע גוטסן די געטרייע —
האָט מיך פון דיר פאַרהוילן
אַ ווינקעלע מיט שפּילערייען,
מיט בערעלעך און ציגעלעך בין איך איינגעשלאָפן,
ביז איך בין אויפגעוואַקסן
און ווי אַ הירש אַנטלאָפן.

און ווידער — אין אַ ווינקעלע פון שפּילערייען...
איך שעם זיך מיט די פּאַטשערקעס פון סטראָפן.
דו שטייסט פאַר מיר אין פייערדיקע פּערל — —
מיין האַרץ וויל אַנטלויפן,
מיין הויט איז אָפן.

ב

יאָ,, אין סאָדס געדיכטעניש,
אין אָט דער שאָטנדיקער ליכטעניש
ווו זון ווערט סוד —
דימיונט אויס דיין זון אַ טראָט
פון געגעננונג,
דאָס שטאַרבן פון טויט,
דעם זיג פון ליבשאַפט.

אין חלום פון דיין קומען, —
שאָרך פון סאַמעט,
ציטערן פון אָרעמס
אין דער געפלעכטעניש פון צווייגן,
און ראָז פון עפל אויף דיינע קינען.

אין סאָד ווערט שטיל,
און איך — אין גאַנצן אויער צו דיין טראָט,
באַלד קומט די רגע פון גרויסן שטומען געגנאָד
ווען אַלע ווערטער, ווי בלעטער, פאַראיאָריקע,
ווייט צעוואָרפן וועלן ליגן,
און נאָר, דיין ווייסער קנאָספּ,
דער טויט-ווייטער, חלום-וואָריקער —
אָט דאָ אין סאָד וועט אייגענען און היגן,
די ליבשאַפט וועט דעמאָלט זיגן,
שטיל פון שטילער וועל איך רופן: מאַמע,
און ווי אַ געשלאָגענער פון ווינט
וועל איך שטיין פאַר דיר שעמעוודיק געבויגן:

— פאַרגיב דיין קינד,
דיין טרער האָב איך נישט געפונען אין קיינעמס אויגן.

# באַטייליקטע דיכטער

אויערבאַך א.
אייכענראַנד ל.
איינהאָרן ד.
אסיא
באסמאַן ר.
בילעצקי י. ח.
בירשטיין י.
בנימין
בערקמאַן י.
בראַדערזאָן מ.
גיסער מ. ד.
גלאַטשטיין י.
גלאַנץ י.
גראַדע ח.
גרינבערג א. צ.
גרינבערג א.
האַלקין ש.
האַלפּערן מ. ל.
העלער ב.
וויינפּער ז.
ווערבער ש.
חרץ מ.
טייטלבוים ד.
טקאַטש מ. ז.
יאַנאַסאָוויטש י.
יהואש
יונגמאַן מ.
לייוויק ה.
מאַני לייב
ליעסין א.
לעוו א.
לעיעלעס א.
לערנער י.
מאַלטינסקי ח.
מאַנגער א.
מאַרקיש פּ.
נ״ידוס ל.
סאַקציער מ.
סוצקעווער א.
סיגאַל י. י.
ספּאַרד ד.
פּאַפּיערניקאָוו י.
פרידמאַן י.
צייטלין א.
קאַלושינער ל.
קאָרן רחל ה.
ראַוויטש מ.
ראַזענפּאַרב ח.
רויטמאַן ש.
שאַרגעל י. צ.
שולשטיין מ.
שטערנבערג י.
שמרי א.